קרית ברסלב בלאטל

שנה ה'
נומער 194

פרשת וירא · תשפ"ד

שישו ושמחו בשמחת התורה

# סיום חצי ש"ס במסגרת דף הקהילה

איך האף אז דו לערנסט יעדן טאג דעם דף גמרא; וואס זאל איך דיר זאגן, מוהרא"ש שרייבט אן א שיעור מאל אין אשר בנחל: "די גאנצע חיות פונעם טאג איז דער דף גמרא". (יום ג' וארא, כ"ד טבת, שנת תשע"ט)



**גערֿאנקען:**
א רענצל פון גשמיות און רוחניות צוזאמען

**שטעטל נייעס:**
געשלאסן מקח אויף א נייעם בנין פאר די ישיבה קטנה

**מיט א טיפערן בליק:**
מיין צייט

**בריוון צום רעדאקציע**
ארטיקלען
גערעוועטע
3



**וועלטליכע נייעס**
בעז"ה פיר
משכונות
באפרייט פון עזה
7



**שטעטל נייעס**
געשלאסן מקח
אויף ישיבה
קטנה בנין
8



**מיט א טיפערן בליק**
מיין צייט
22



**א סעודה מיטן ר"ן**
פרשת ראה
תשפ"ג
26



**בילדער**
אבות ובנים אין
בתי מדרשים היכל
הקודש איבער די
וועלט
38




# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:
**מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.**

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty
**וירא כ' חשון תשפ"ד**

הדלקת הנרות........... 05:33
מוצאי שבת............ 07:02

**מנחה מעריב חיי שרה.... 06:40**

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 03 | 50°/32° | Partly Cloudy |
| Sat 04 | 53°/37° | Partly Cloudy |
| Sun 05 | 54°/39° | Mostly Cloudy |
| Mon 06 | 50°/37° | Mostly Cloudy |
| Tue 07 | 47°/34° | Showers |
| Wed 08 | 44°/31° | Rain/Snow Showers |
| Thu 09 | 44°/32° | Rain/Snow Showers |
| Fri 10 | 43°/30° | Rain/Snow Showers |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו**
**וזוגתו העניה תחי'**
**צו די געבורט פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

## מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה שרגא שטראססער הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**
**צו די געבורט פון א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

# בריוו צו די רעדאקציע

## ארטיקלען אין בלעטל האט מיר געראטעוועט פון א שעדליכע חברט'ע

לכבוד די אלע וואס לייגן אריין אזויפיל כוחות אין אזא שיינע מאגאזין עס זאל ארויסקומען יעדע וואך.

באמת וואלט איך געדארפט יעדע וואך נעמען א פאר מינוט צייט צו שרייבן א דאנק אויף די שיינע ארטיקלען, קודם האט די בלעטל מיך געמאכט אויפהערן קויפן די ... און די ... מאגאזינען, וואס יעצט - קוקענדיג צוריק צו די צייט וואס איך פלעג עס יא ליינען - שפיר איך ווי שטילערהייט לייגט עס אריין א קאלטקייט צו אידישקייט, צו אמונה, ווי אויך אנדערע צייטונגען און מאגאזינען וואס פלעגן ליידער אנפילן מיין שבת.

אבער אלס א פארנומענע מאמע האב איך קיינמאל נישט געקענט נעמען די צוויי מינוט זיך אראפזעצן שרייבן, און אפילו יעצט ווען איך שרייב אייך האלט איך אינמיטן די עבודת הקודש פון זיך אפגעבן מיט אלע זאכן וואס א אידישע מאמע דארף זיך אפגעבן, איך האב באמת נישט די צוויי מינוט זיך אראפזעצן מיט ישוב הדעת און שרייבן.

איך וויל גאר שטארק באדאנקען די שרייבערס פונעם בלעטל די 'צום פינטל' - 'געדאנקען' - 'מיט א טיפערן בליק', ובפרט די ארטיקלען פון די
פרויען אפטיילונג 'פאר
די ברסלב'ע



שטוב', דאס רעדט צו מיר גאר שטארק. אזוי אויך האב איך שטארק הנאה ווען עס איז דא נאך ארטיקלען ביי די פרויען אפטיילונג, ווי למשל דער שרייבער ל. שיינער, אדער ווען עס איז דא גראמען פאר פרויען, אמאל פלעגט זיין שיינע גראמען 'מיט א צדיק און אן א צדיק', הלוואי וואלט די שרייבערין צוריק אנגעהויבן אריינשיקען נאך שיינע גראמען, איך ווארט אויף דעם.

אבער יעצט וויל איך מיר באציען צו די צוויי ארטיקלען וואס איז געווען ביי 'צום פינטל', דאס ערשטע איז פון סוכות (אין פרצוף אריין) ווי אויך די ארטיקל פון פרשת בראשית (בא'ליידיג'ט אבער אנגעפילט...), האב איך געליינט איינמאל און נאכאמאל און נאכאמאל, איך האב מיר יעדעס מאל מער געטראפן אין דעם זיסן ארטיקל.

ליידער בין איך אריבער זייער א שווערע תקופה, איך האב געהאט א חבר'טע (אויב מען קען דאס רופן א חבר'טע) וואס האט מיר כמעט צוגרינד געלייגט מיין לעבן, זי האט צו מיר גערעדט סם.... סם.... שעדליכע סם.... טויטליכע סם.... קעגן מיין מורה דרך דער ראש ישיבה שליט"א.

איך קען נישט מסביר זיין וואס איך האב געשפירט, אויסערליך האט די שמועס אויסגעזען ווי זי געבט מיר א gift (מתנה) אבער באמת האט זי אין מיר אריינגעלייגט א גיפט (poison אין אידיש איז גיפט).

אירע ווערטער האט ליידער איבערגעלאזט אין מיר א צעמישעניש, זייט איך בין אנגעקומען צו הערן די שיעורים פונעם ראש ישיבה, ליינען די בריוון, און אנהייבן צו ניצן די קלוגע און גוטע

עצות, האט מיין לעבן זיך געטוישט, מיין שלום בית, מיין ערליכקייט, מיין חינוך פון די קינדער, (דאס זענען זאכן וואס איך קען איך שרייבן.... אבער פיל מער זענען די זאכן וואס זענען "לעבן און טויט פראגעס" וואס מיר זענען געראטעוועט געווארן דורך די שיעורים און בריוון פונעם ראש ישיבה שליט"א סיי איך און סיי מיין טייערע מאן שיחי').

איך בין נישט געוואוינט צו הערן רעדן קעגן מענטשן בכלל, און בכלל אויף ערליכע אידן. די שמועס איז געווען א רואיגע שיינע שמועס, אבער פלוצלינג איז געווארן פון א תמעוואטע'דיגע שמועס צו גיפטיגע ווערטער קעגן מיין רבי וואס האט מיר געראטעוועט. איך מוז צולייגן אז וויפיל איך האב געהערט פון דער ראש ישיבה אז עס זענען דא שלעכטע מענטשן, וואס האבן אייגענע אישוס, און זיי רעדן קעגן צדיקים, מ'דארף אכטונג געבן פון זיי, דאס קען חרוב מאכן די לעבן. האב איך נישט גע'חלומ'ט אז עס איז דא אזא זאך אין ריאלעטעט אז א מענטש זאל רעדן קעגן צדיקים.

ווען די פרוי האט געענדיגט רעדן צו מיר, בין איך געבליבן מאכטלאז, צומישט, אויסגעשעפט. די ווערטער האבן איבערגעלאזט אין מיר א שלעכטע טעם, איך האב געפילט ווי זי האט אריינגעלייגט אין מיר עפעס א מין קראנקייט, א זאך וואס זי האט נעבעך אינערליך - א נישט געזונטע כאראקטער, און זי האט דאס געוואלט אריינלייגן אין מיר השם ישמרנו.

איך וויל נישט מאריך זיין אין די קאשמארישע טעג וואס איך בין אריבער, ווייל ווען איך דערמאן זיך דערפון הייבט מיר אן איבלען, איך ווארף מיך פאר: פארוואס האסטו איר אויסגעהערט? פארוואס האסטו בכלל גערעדט מיט איר?

דא איז די "בלעטל" אריינגעקומען! אין יענע שווערע צייטן האט מיין מאן



אהיימגעברענגט די "בלעטל" איך ווייס נישט צו דער שרייבער ווייסט ווי גוט, ווי אמת'דיג ער האט געשריבן, די משל פון א קראנקער אין שפיטאל, וואס האט גע'הרג'עט מענטשן דורך דעם וואס ער האט געערעדט צו די פאציענטן קעגן דעם דאקטאר, איך מוז זאגן אז די ליצנות און די הומאר וואס דער שרייבער האט אריינגעלייגט צווישן די שורות האט מיר צוריקגעברענגט מיין מח, עס האט מיך נאך מער געשטארקט פון פריער.

חוץ די דאנק וואס איך וויל אייך געבן וויל איך אייך שרייבן נאך א נקודה, אז די גאנצע זאך איז מיר געווען ווי א וואקסין, איך בין טאקע אריבער א ווייטאגליכע צייט, אבער איך האב עס גוט אויסגעוויינט צום אייבערשטן, און דאס האט מיך געמאכט נאך פיל שטארקער פון פריער, אז האפענטליך אויב עס וועט חס ושלום קומען נאך אמאל אזא מצב, איז מיין גוף שוין עמיונד, און איך ווייס שוין ווי אזוי צוריקצושלאגן די קראנקייט מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף.

א ליינער פון בארא פארק

## תשובה פונעם מערכת

תשובה פון מערכת

יישר כח, עס איז אונז א שטארקע חיזוק ווען מיר הערן אז מענטשן האבן זיך מחזק געווען דורך די "בלעטל", דאס איז די עיקר ציל פונעם מאגאזין, אז מענטשן זאלן זיך מחזק זיין מיט אמונת חכמים, און אויסהערן וואס די ערליכע אידן האבן צו זאגן.

## הערה אויף די ארטיקל "זאמד אין די אויגן"

קודם יישר כח פאר אייער שיינע בלעטל, איך באקום עס וועכענטליך אויף אימעיל.

איך האב געוואלט מעורר זיין וועגן דעם ארטיקל "זאמד אין די אויגן", איך האב געוואלט זאגן מיין הערה, איר קענט עס אריינלייגן אין אייער

צייטונג.

איך האב אנאליזירט דעם ארטיקל "זאמד אין די אויגן", איך מוז אייך זאגן ווי אזוי איך קוק עס אן: אייער קהילה איז א קהילה וואס איז צאמגעשטעלט פון כל ערליי מענטשן פון פארשידענע קרייזן, און ווי עס זעט אויס פון די ווערטער פונעם שרייבער, איז ער אליין אויפגעוואקסן אין א קרייז וואס ביי זיי איז מדינת ישראל א געווינס, און א ישועה חס ושלום פאר כלל ישראל, און יעצט זייענדיג אין אזא מצב, ווען ער דארף לויפן אין בונקער אריין פון פליענדיגע ראקעטן ווי פולע אנדערע, האט ער יעצט ליידער געשפירט די "מדינה..." אויף די אייגענע הויט, און דער אייבערשטער האט אים נאך מזמין געווען ער זאל אנטרעפן דעם ספר, איז דאס געווען ביי אים א נייע זאך, און ער האט דערפון געמאכט אן ארטיקל.

איך בין אויפגעוואקסן אין סאטמאר, ווי עס איז געווען א דבר פשוט אלע יארן, דאס איז געווען אונזער חינוך אז מדינת ישראל איז א סכנה פאר אידן איבער די וועלט, (הגם איך מוז מודה זיין אז אסאך פרטיות'דיגע זאכן וואס ער ברענגט אינעם ארטיקל, ווי למשל ווי ווייט די מייסדי המדינה האבן פיינט געהאט אידן רחמנא לצלן, און די שרעקליכע הויכע ציפערן פון וויפיל אידן זענען שוין אומגעקומען אדאנק דעם עגל הזהב הי"ד וכדומה דאס האב איך נישט געוויסט, (קען זיין אז איך דארף מיר פארשאפן דעם ספר...) אבער בכלליות זענען מיר מחונך געווארן אז מדינת ישראל איז א אבן נגף פאר כלל ישראל.

לפי זה פארשטיי איך פארוואס ער האט געשריבן אזא ארטיקל אפילו אין די יעצטיגע מלחמה צייט, ווייל ער האט עס געשפירט אויף די אייגענע הויט, און ער האט געטראפן א ספר וואס איז מסביר די השתלשלות פון די התייסדות המדינה, עס איז אים געווען געגנוג א חידוש צו מאכן דערפון מטעמים.

אבער באמת לאמתו ווייס איך נישט צו יעצט - ווען אידן דארפון אזויפיל רחמים, אין ארץ ישראל און איבער די וועלט - זאל ארויסגעברענגט ווערן די נעגעטיווע חלק פון כלל ישראל, די בלוט פון די קדושים איז נאך פריש, אידן זענען נאך פארכאפט ביי די רוצחים, איך ווייס נישט צו עס איז ממש יעצט די ריכטיגע צייט אויפצוברענגען נאך קיטרוגים אויף אידן.

נאכאמאל, איך רעד נישט פון דעם עצם ארטיקל, וואס דאס איז אמת ויציב, און גוט ארויסגעברענגט די נקודה, דאס וואס מיר ליידן צאם פון דעם מדינה של גהינום.

מיט דעם אלעם ווייס איך נישט, צו יעצט איז די צייט צוצילייגן נאך קיטרוגים רעדן שלעכט אויף כלל ישראל.

נאכאמאל איך זיך נישט צו קריטיקירן, אבער הנראה לפי עניית דעתי כתבתי.

הצלחה בכל העניינים

א סאטמארע ליינער

## תשובה פונעם מערכת

אז איר וועט אריינקוקן ביים אויספיר וועט איר זען, ווען דער שרייבער אליין פירט אויס ווי שטארק דאס איז א לימוד זכות אויף אידישע קינדער, די גאנצע ארטיקל איז ארויסגעברענגט אין איין ווארט אזא שטארקע לימוד זכות אויף אידישע קינדער, אז קיינער וויל נישט גיין קעגן דעם אייבערשטן, קיינער וויל נישט זיין שלעכט, וואס זאלן מיר טון אז מיר זענען נעבעך פארכאפט געווארן אין א פאסטקע דורך די עירוב רב און זייערע נאכשלעפער.

די ווערטער דארפן דייקא געשריבן ווערן יעצט, אין א צייט וואס עס איז דא קיטרוגים אויף אידן, אז מיר זאלן טענה'ן צום אייבערשטן ער זאל נישט אויסהערן די מקטריגים וואס רעדן שלעכטס אויף אידישע קינדער, אז אזויפיל אידן פירן זיך קעגן די תורה, ווייל די גאנצע עקירת הדת האט פאסירט דורך איינצעלנע פארדארבענע יונגן - וואס זענען געווארן אויסגעמישט צווישן אידן - וואס זיי האבן נעבעך פארכאפט כלל ישראל, אבער כלל ישראל איז זייער א טייערע פאלק.

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער

## רעפאבליקאנער זיך פאראייניגט איבער א פירער נאכן זיך אמפערן פאר לאנגע וואכן

א מאדנע ספעקטאקל האט זיך אפגעשפילט אין די פאליטישע וועלט, ווען די 'האוז אוו רעפרעזענטעטיווס' וואס מען רופט "קאנגרעס" איז געשטאנען אן א 'ספיקער אוו די האוז' פאר איבער צוויי וואכן.

דאס האט פאסירט ווען די מיטגלידער פונעם קאנגרעס האבן אין א היסטארישע שריט געשטימט ארויסצואווארפן 'קעווין מעקארטי' פונעם ספיקער פאזיציע, א פארשעמונג וואס קיין איין ספיקער איז נאך נישט דורכגעגאנגען, און דאס איז טראץ וואס ער איז פון די רעפובליקאנער, וואס האבן כהיום א שמאלע אבער קלארע רוב אינעם קאנגרעס פון 221 קעגן 212 דעמאקראטן.

קאנגרעס קען טעכניש ווייטער אנגיין אזוי אן א ספיקער, אבער דער פאזיציע איז וויכטיג בעיקר כדי צו קענען לייגן זאכן אויף די אגענדעס, דאס מיינט צו באשליסן אויף וועלכע געזעצן מען זאל שטימען, און אויך דארף דער ספיקער העלפן פירן דעם מאיאריטעט פארטיי און זיכער מאכן אז מען קומט זיך אדורך.

כדי צו פארשטיין וואס דא האט פאסירט דארף מען צוריק קוקן אביסל וואס האט פאסירט ווען דער יעצטיגער קאנגערס איז איינגעשווארירן געווארן. ווען מען האט זיך דערזען נאך די וואלן מיט א שמאלע רעפובליקאנער מאיאריטעט האבן עטליכע רעפובליקאנער זיך צוזאם גענומען און פארלאנגט אז כדי זיי זאלן זיין גרייט צו וועלן מעקארטי' פאר ספיקער דארף ער גרייט זיין צו טוישן די רעגולאציעס און מסכים זיין אז אפילו בלויז עטליכע מיטגלידער וועלן קענען בעטן ארויסצואווארפן דעם ספיקער.

יעצט ווען עס האט געהאלטן ביי א מצב אז מען האט געדארפט שטימען צו העכערן דעם חובות דאך פון אמעריקע כדי די רעגירונג זאל ווייטער קענען פונקציאנירן, האט זיך געמאכט א קאנפליקט צווישן די פירערשאפט און די עטליכע פאראייניגטע קאנגרעס מיטגלידער, די פירערשאפט האט געוואלט נאכגעבן פאר די דעמאקראטן און לאזן העכערן דעם בארגן לימיט, אבער די חברה האבן געסטראשעט אז זיי וועלן פארלאנגען א נייע פירערשאפט אויב מען געבט עס נאך. וכך הוה, תיכף נאכדעם וואס מען האט געהעכערט דעם חובות דאך, האבן זיי פארלאנגט א וואוט אויף די ספיקער פאזיציע, וואס אלע דעמאקראטן האבן פארשטייט זיך געשטימט אויף ניין, אבער די עטליכע רעפובליקאנער האבן זיך צוגעשטעלט צו זיי און מעקארטי' איז ארויס געווארפן געווארן.

ביז צום סוף האט קאנגרעס ענדליך ערוועלט א ספיקער, ווען 220 רעפובליקאנער האבן פאראייניגט געשטימט ארייננצוואוועלן דעם קאנסערוואטיווער רעפובליקאנער מייק דזשאנסאהן, פון לוזיאנא, צו ווערן דעם נייעם קאנגרעס ספיקער, מייק דזשאנסאהן איז די ערשטע מאל אריינגעוועלט געווארן אין קאנגרעס אין יאר 2016

און איצט קוים נאך אכט יאר איז ער געווארן ספיקער אוו די האוז.

דאס קומט אין א צייט וואס מען האט געזען אין די פראגראנגענע סדרות די צוויי תקופות וואס מענטשן האבן ליידער געזינדיגט, און דער אויבערשטער האט זיי באשטראפט, דער ערשטער איז געווען די דור המבול, וואס שטייט ותמלא הארץ חמס, מען האט גע'גנב'עט, ווייט קאלער קריימס, מען האט אריינגעהעקט אין יענעמ'ס אקאונט, און גע'לקח'ענט בלויז "איין פעני". וואס האט דער אויבערשטער געטון? וימח את כל היקום, אלעס איז געווארן אויס. שפעטער האבן זיך די חכמי כעלעם צוזאם געזומען, און אנגעהויבן זארגן, גלאבעל ווארמינג, די וועלט גייט אונטער, לאמיר מאכן א טורעם ארויפגיין אין הימל און מלחמה האלטן מיטן אויבערשטן רחמנא ליצלן. וואס טוט דער אויבערשטער, מען גייט זיי צומישן זייער שפראך, דער ערשטער בעט א האמער, אבער דער פארשטייט א דריל, ער בעט וואסער, אבער ער פארשטייט האלץ, דער אויבערשטער האט זיי פארשפרייט, און אלעס איז בטל געווארן.

פארוואס איז דער אויבערשטער געווארן אזוי ברוגז אויפן דור המבול? אביסל קלעבעדיגע הענט? נא שוין, אבער דער דור הפלגה זענען דאך געווען לכאורה אסאך ערגער, זיי זענען געווען מינים ואפיקורסים! זאגט רש"י אז די דור הפלגה האט געהאט אחדות, שלום, "שפה אחת דברים אחדים" און ווען עס איז דא שלום מען פארשטייט זיך איז דא הצלחה, אבער ביים דור המבול איז געווען מחלוקת און דער אויבערשטער האט זייער פיינט מחלוקת. ווען מען קריגט זיך ווערט אלעס אויס, וימח את כל היקום.

ווען די רעפובליקאנער להבדיל וואלטן ווען געלערנט דעם רש"י וואלטן זיי געזען ווי די נארישע קריגערייען - אפילו ווען זיי זענען הונדערט פראצענט גערעכט - ברענגט זיי אונטער. די עטליכע רעפובליקאנער וואס האבן זיך צוזאם געזומען קעגן די פירערשאפט האבן געהאט הצלחה אין זייער מיסיע, אבער די רעפובליקאנער בכללית זענען אין דער ערד ווייל זיי קריגן זיך. און ווען מען קריגט זיך, איז גארנישט דא.

לאמיר לאזן די רעפובליקאנער מיט די דעמאקראטן און אלע אנדערע נארישע פארטייען זיך רייסן ביי די קעפ, גיי לערן מיט א גוי ברטנורא... אבער וואס טוט זיך ביי אונז אינדערהיים? דא דארפן מיר זען אז מען זאל זיך ליב האבן און רעדן שיין איינעם צום צווייטן. לאמיר אויפהערן זיין גערעכט. לאמיר זיך איבערבעטן און אנהייבן פון יעצט רעדן שיין, וועט די שטוב גאר שיין בליען, און די קינדער וועלן אויסוואקסן בסעייתא דשמיא ערליכע אידן.

**למדת ששנאוי המחלוקת וגדול השלום**

# בעזרת השם פיר אידישע משכונות באפרייט פון עזה



ווי אלע האבן מיטגעהאלטן די שווערע טראגעדיע וואס כלל ישראל האט מיטגעמאכט פארגאנגענעם שמחת תורה, האבן יעצט אידישע קינדער אויפגענומען דעם מעט מן האור אז די טעראריסטן האט איינגעשטימט ארויסצולאזן פיר פון די איבער צוויי הונדערט משכונות וועלכע זי האט פארכאפט ביי זייער אטאקע.

די ערשטע צו ווערן באפרייט זענען געווען צוויי משכונות. די כאמאס טעראר גרופע האט איבערגעגעבן די צוויי אידישע משכונות א מאמע מיט איר טאכטער פאר די רויטע קרייץ הילפס ארגאניזאציע אין עזה, וועלכע האט זיי צוגעטראגן צום גרעניץ פון מדינת ישראל פון וואו זיי זענען אהיים געפלויגן קיין שיקאגא אילינוי. די צוויי זענען געווען געסט אין איינע פון די ישובים וועלכע זענען איבערגעפאלן געווארן דורך די ברוטאלע חיות, און זענען פארכאפט געווארן אינאיינעם מיט נאך פילע. די צוויי אידן זענען שומרי תורה ומצוות און זענען מיטגלידער אין די לאקאלע חב"ד קהלה.

אפאר טעג שפעטער האט מען ארויסגעלאזט נאך צוויי משכונות, צוויי עלטערע פרויען איינע פון 79 יאר אלט, און די צווייטע פון 85 יאר אלט. ביידע פון זיי זענען געפאנגען געווארן פון זייערע הייזער אין די ניר עוז געגענט נעבן עזה. זייערע מענער וועלכע זענען אויך געפאנגען געווארן געפונען זיך נאך אין עזה.

אין די זעלבע צייט גייען אן די תפלות פון אידישע קינדער אויף די איבעריגע פארכאפטע וועלכע זענען נאך פארכאפט אין עזה אז זיי זאלן זיך אומקערן אהיים געזונט בגוף ונפש וואס שנעלער, און אזוי אויך איז כלל ישראל מתפלל אז די בלוט פארגיסונג זאל זיך שוין אויפהערן און קיינער זאל חלילה נישט געשעדיגט ווערן אין די אנגעהיצטע אטמאספערע אין מיטל מזרח.

אין אזא צייט איז זייער פאסיג מען זאל זיך איינקויפן גוטע לייף אינשורענס, און זיך פארזיכערן אז גארנישט בייז פאסירט, יעצט איז די צייט מען זאל אפירנעמען אפעקטיווע סגולות פאר אריכת ימים. חז"ל זאגן "כל המשלים פרשיות עם הציבור מאריכים לו ימיו ושנותיו", דאס איז א סגולה פון חז"ל וואס איז קלאר און זיכער.

# שטעטל נייעס

## ב"ה געשלאסן מקח אויף בנין פאר ישיבה קטנה



ווי באריכטעט פארגאנגענע וואך האט זיך געעפענט א ישיבה קטנה אין שטעטל, בנשיאות הראש ישיבה שליט"א, מען האט זיך פלאצירט אויף צייטווייליג אין די לאנטש רום פונעם חדר.

יעצט הערט מען די פריידיגע נייעס אז די מוסדות האט ברוך השם געשלאסן דעם מקח אויף א פרישער בנין הארט נעבן די עקזיסטירנדע בנין פון די תלמוד תורה וואס וועט דינען אלס די אכסניה של תורה פאר די טייערע בחורים פון די נייע ישיבה קטנה וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט געגרינדעט אין שטעטל.

די הנהלה האט שוין געלייגט אן אויג דערויף א לאנגע צייט און די פארהאנדלונגען גייען שוין אן פאר עטליכע חדשים, וואס האט זיך ברוך השם געענדיגט מיטן אונטערשרייבן דעם געשעפט און דער בנין איז אריבער אונטערן בעלות פון די ישיבה.

דער בנין איז אדורכגעגאנגען מילדע קאנסטראקשען כדי מען זאל עס קענען נוצן פאר די ישיבה, עס אנטהאלט אפאר שיעור צימערן, א בית המדרש, אן עס זאל און אזוי ווייטער וואס עס פעלט אויס. א קאך פעלט נישט אויס צוליב וואס עס איז ממש נעבן די תלמוד תורה, און דאס עסן וועט מען נעמען פון די חדר קאך.

אנפאנג איז די ישיבה אנגעגאנגען אויף א צייטווייליגע לאקאציע אינעם חדר בנין, און נאכן אפקויפן און אהערשטעלן דעם בנין ווי עס דארף צו זיין, האט מען זיך אהינגעצויגן בשעה טובה ומצלחת, וואו די בחורים לערנען מיט גרויס התמדה, און פירן זיך אויף מיט דרך ארץ און יראת שמים, און אויסער די פילע שיעורי הישיבה לערנען די תלמודים יעדן טאג אויף זייער אייגענע צייט משניות גמרא און נאך פילע לימודים אויפן סדר דרך הלימוד וואס דער רבי האט אויסגעלערענט.

דער ראש ישיבה שליט"א געבט זיך אפ מיט די תלמידים מיט גרויס געטריישאפט, ער באגלייט און פרעגט זיך נאך אויף יעדן תלמיד און העלפט זיי שטייגן בתורה ויראת שמים. די מגידי שיעור גרייטן אן די בחורים פארן לעבן, און אויסער די שיעורי הישיבה איז דא א געוואלדיגע דגוש אויף מדות טובות און דרך ארץ וואס איז קדמה לתורה.

יעדן נאכמיטאג הערט מען זיך צו צום שיעור וואס ווערט געגעבן דורכן ראש ישיבה שליט"א מיט א לייוו הוק אפ, פון וואס די בחורים באקומען חיזוק און עצות אויפן לעבן.

## צדיק בא לעיר - הרב רבי יצחק לעזער שליט"א



מיט גרויס פרייד האבן אנשי שלומינו אויפגענומען דעם גרויסן גאסט פון ארץ ישראל הרב רבי יצחק לעזער שליט"א וואס איז געקומען וויילן אין שטעטל פאר צוויי וואכן, לכבוד די שמחת הבר מצוה פון א אייניקל הילד אברהם נרו יאיר בן מו"ה יעקב הי"ו פון די חשובע כולל אינגעלייט אין שטעטל.

אנשי שלומינו נעמען אויף מיט גרויסע ארעמס די חשובע געסט וואס קומען זיך באטייליגן אויפן שבת צו מיטהאלטן דעם שבת מיטן גאסט. אנשי שלומינו פרייען זיך שטארק צו קענען האבן אזא חשובן גאסט אין שטעטל, וואס וועט זיכער מחזק זיין אנשי שלומינו אויף א לאנגע צייט.

# היכל הקודש ניועס

סטעטן איילענד

## נייע לאקאל פארן בית המדרש היכל הקודש אין סטעטן איילענד




אין סטעטן איילענד געפונען זיך א שיינע צאל אנשי שלומינו תלמידי היכל הקודש, עס פלעגט שוין אנגיין א לענגערע צייט די תפילות שבת קודש אינאיינעם אין שטוב פונעם געטרייע גבאי מו"ה אהרן שלמה שווארטץ הי"ו, אבער געלויבט דעם אויבערשטן יעדן טאג קומען צו פרישע מקורבים און מען האט נויטיג געדארפט האבן א געהעריגע פלאץ וואס זאל דינען אלס בית המדרש פון אנשי שלומינו אין די געגענט.

איינע פון די קביעות'דיגע מתפללים מו"ה יעקב האלפערין הי"ו האט זיך אריינגעלייגט דעריין, און נאך אסאך בעטן דעם אויבערשטן האט מען געטראפן א פאסיגע פלאץ אויף 309A ברעדלי עוו. אין צענטער פון די אידישע געגענט אין סטעטען איילענד ניו יארק ווי מען האט במשך די לעצטע חדשים איבערגעבויעט דאס פלאץ כדי עס זאל זיין ראוי צו נוצן פאר א בית המדרש. סידורים און ספרים האט מען שוין געהאט ביז יעצט, מו"ה יוסף זינגער הי"ו האט געשאפט די בענקלעך פארן שול, און מו"ה וואלף שטערן האט זיך געפאראעט צו אהערשטעלן א שיינע גרויסע סיין "בית המדרש היכל הקודש" וואס מאכט א קידוש ה' אין סטעטען איילענד, ווען אלע ווייסן אז עס איז דא אן אדרעס פאר חיזוק און עצות צום לעבן.

עס קומט זיך אויך א דאנק פאר אלע אנשי שלומינו וואס געבן צו שטייער צו קענען צאלן דאס רענט פארן בית המדרש, און די געסט וואס קומען אריין באוואונדערן דעם געשמאקן ליבליכן אטמאספער אין שול, א שול ווי מען קען באקומען חיזוק, א שול ווי יעדער קוקט אריין אין זיין אייגענע סידור, אבער דאך העלפט מען זיך ארויס איינער דעם צווייטן.

יעדע שבת קודש קומט מען זיך צוזאם פאר אלע דריי תפילות, אזוי אויך לערנט מען פאר סיפורי מעשיות נאך שחרית און מען הערט דיבורים פון אמונה ביי שלש סעודות, אבער עס ווערט זיך פלענער בסייעתא דשמיא פאר נאך פילע פעולות שיעורים און חבורות אויף די וואכן טעג.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז דאס זאל ווייטער דינען אלס א לעכטיגע ווינקל וואס זאל באלייכטן גאנץ סטעטען איילענד און די גאנצע וועלט. מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף וועט פון דעם בית המדרש ארויסקומען אומצאליגע שעות תורה ותפילה, אומצאליגע בלעטער גמרא, פרקים משניות און סימנים שולחן ערוך.

ארץ ישראל

## די מפיצים זענען מחזק אידן בשעת מלחמה




אין די יעצטיגע טעג ווען אידן אין ארץ ישראל זענען פארפאניקט און דערשראקן פון די מלחמה צושטאנד, קוקן אלע ארויס אויף די מפיצים, תלמידי היכל הקודש גייען ארום פון שטוב צו שטוב און זענען מפיץ די גליונות ספרים און סידים. בפרט האט מען יעצט געלאזט דרוקן א נייע קארטל "די מצב איז שרעקליך" אין לשון הקודש "המצב משתק אותך", אזוי אויך "א פחד א שרעק וואו איז פארזיכערט?" וואס ווערט צוכאפט דורך אלעמען, און זיי באקומען דעם אדרעס וואו זיך צו ווענדן פאר טערעפי פאר די נשמה, וואס איז אמונה אמונה און נאכאמאל אמונה.

אידישע קינדער ווילן בלויז הערן איין זאך אין די טעג "דער אויבערשטער פירט די וועלט, האב נישט קיין מורא פון קיינעם", דאס איז מחזק אין די יעצטיגע טעג.

# היכל הקודש נייעס

**אלוועטליך**

## שמחת התורה נעמט ארום אנשי שלומינו צום פרייליכן סיום פון חצי ש"ס



עס לאזט זיך שווער גלייבן אז מען האלט שוין דא און מען איז זוכה צו מסיים זיין האלב ש"ס.

מען טראכט צוריק ווען מען האט אנגעהויבן ש"ס די גאנצע קהילה אינאיינעם מיטן ראש ישיבה שליט"א ביים גרויסן סיום הש"ס אין קראון פלאזא האטעל, וואס דאן האבן זיך אלע פארגענומען צו לערנען דעם דף גמרא יעדן טאג אן אויסנאם, און יעצט נאך א הארואוואניע פון כמעט פיר יאר האלט מען שוין ביים גרויסן מאמענט אז מען צייכענט אפ דאס אומגלויבליכע פון ענדיגן האלב ש"ס. די אלע וואס זענען דאן געווען קלוג און האבן נישט געקוקט דערויף ווי אויף א בארג "גאנץ ש"ס? איך?" נאר האבן געפאלגט די עצה פון הייליגן רבי'ן און גענומען די גמרא יעדן טאג פאר זיך, "היינט גיי איך לערנען א בלאט גמרא", די קענען יעצט זאגן "הזורעים בדמעה ברנה יקצורו" און מיט'ן אויבערשטנס הילף וועט מען ענדיגן אין עטליכע יאר גאנץ ש"ס וואס וועט זיין אן אומבאשרייבליכע שמחה וואס מען קען נישט ערקלערן.

די אנדערע וואס האבן דאן שפעקולירט "מען האט יא געהאלטן דערפון?" אדער האבן געצווייפעלט "זאגן הייסט לערנען?" קענען 'היינט' אנהייבן זאגן יעדן טאג א בלאט גמרא, און אנשטאט זיין ווי א נַאר אין מארק וועלן זיי פראווען דעם סיום הש"ס אין א האלב יאר פון יעצט.

דאס לערנען א בלאט גמרא יעדן טאג איז א זאך וואס מוהרא"ש פלעגט מאנען פון אונז כסדר, און ער פלעגט זאגן אז גמרא איז ראשי תיבות 'גבריאל מיכאל רפאל אוריאל' - די פיר מלאכים וואס באגלייטן און היטן אפ דעם מענטש וואס לערנט גמרא. מוהרא"ש האט נישט סתם גערעדט פון לערנען גמרא, נאר האט געגעבן א זיסע עצה מען זאל עס קענען מקיים זיין. מוהרא"ש פלעגט אייביג חזר'ן מיט אונז דעם סדר דרך הלימוד, וואס דער הייליגער רבי שרייבט אין שיחות הר"ן סימן ע"ו "שאין צריכים בלימוד רק האמירה לבד",

מוהרא"ש פלעגט עס אלץ אזוי שיין צולייגן וואס דער רבי' שרייבט דארט, און פלעגט זאגן אז אדרבה פרובירט עס אויס וועט עס נישט דארפן קיין שום ראויות ווי שיין מען איז מצליח מיטן סדר דרך הלימוד.

דער מענטש וואס פאלגט דעם עצה באקומט אן אהבת התורה, ער הייבט אן צו שפירן די זיסקייט פון די תורה, און ער וויל שוין לערנען נאך לימודים, און אזוי פלוצליג טרעפט ער זיך לערנען נאך פילע ספרים, תנ"ך, מדרשים, ספרי הלכה, ספרי מוסר, ספרי חסידות, שאלות ותשובות, און ער טראכט צו זיך וואס איז געשען צו אים, א מענטש וואס האט נישט געקענט עפענען א אידיש ספר, איינער צוליב די טראומע וואס זיינע מלמדים האבן אים געפייניגט ביי די גמרא, און איינער ווייל ער איז אביוזט געווארן פון חברים, אן אנדערער צוליב זיינע טירדות אין ביזנעס, און דער צוליב זיינע דאגות און פחדים. אבער אלע וואס האבן פרובירט די עצה דארפן שוין נישט קיין ראיות און קיין מקורות. זיי זעען קלאר אז זאגן הייסט לערנען.

יעצט ווען מען האלט ביים ענדיגן מסכת קידושין וואס איז האלב ש"ס און מען הייבט אן די ערשטע פון די דריי בבא'ס "בבא קמא דף ב'" וועלן אלע זיך מיטכאפן מיט דעם שיינעם מסכת, און נישט קיין חילוק אינג צו אלט, ארעם צו רייך, געזונט אדער לא עלינו נישט, וועלן אלע ארויפטאנצן אויפן באן פון ש"ס און זוכה זיין צו ארויפציען אויף זיך א צלם אלקים.

**שישו ושמחו בשמחת התורה**

קהל היכל הקודש

קרית ברסלב

# קומט ארויס שטימען

אזוי ווי אין די טעג קומט פאר גאר וויכטיגע וואלן פאר קאנדידאטן וואס האבן שוין ארויסגעוויזן זייער גרייטקייט צו העלפן די שטעטל ביז אהער, און וועלן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף שטיין צו הילף אויף ווייטער, האט דער ראש ישיבה געבעטן אז

## אלע איינוואוינער פון שטעטל אן אויסנאם זאלן ארויסגיין שטימען

פאר די באשטימטע קאנדידאטן וואס ווערט געמאלדן אין א באזונדערע מודעה.

דאנערשטאג/פרייטאג /זונטאג פון 9:00 ביז 8:00 אויפדערנאכט ביי
50 Community Lane Liberty NY 12754
קומענדיגן דינסטאג פון 6:00 ביז 9:00 אויפדערנאכט ביי
256 Sprague Avenue Liberty NY 12754

הנהלה



# מעשיות פון תפילה

**אלחנן זויבערמאן - צפת:**

**א)** איך בין געזעצן אין א קיאסק אין צפת אין געארבעט אויפן קונטרס 'לימוד היומי'.

ס'ארבעט אז איך שטעל עס אויס און דערנאך שיק איך עס צו מו"ה נתנאל לב הי"ו פון בני ברק וואס ענדיגט דאס צו.

איין טאג זיץ איך אין קיאסק ווען איך ווייס אז צוועלף אזייגער לעשט זיך אויס די אינטערנעט אין די קיאסק, און א מינוט נאכדעם לעשט זיך אויך אויס די קאמפיוטער.

איך קוק אויפן זייגער אין דעם קאמפיאטער און איך זע אז ס'איז בערך צען אזייגער, קומט אויס אז איך האב נאך צוויי שעה צו ארבעטן.

בערך צען מינוט נאך עלף (אויפן זייגער פון דעם קאמפיוטער) ווערט אויפגעשריבן א ווארענונג אז אין פינף מינוט וועט די קאמפיוטער זיך אויסלעשן. איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאר, איך האב דאך כמעט א שעה!

איך האב שוין געהאלטן ביים סוף, יעצט האב איך עס נאר געדארפט שיקן צו ר' נתנאל, איך וויל עס שיקן אבער ס'שיקט זיך נישט. אדהכי והכי לעשט זיך אויס די אינטערנעט. און ס'ווערט א ווארענונג אז נאך א מינוט לעשט זיך אויס די קאמפיוטער, און אלע פיילס ווערן אויסגעמעקט.

וואס גייט דא פאר? איך בליק אויף מיין זייגער און איך זע אז ס'איז עכט דריי מינוט נאך צוועלף... די קאמפיוטער זייגער איז נישט געווען ריכטיג.

איך כאפ זיך אז נאך א מינוט גייט ווערן פארלוירן די גאנצע ארבעט - אלעס ווערט אויסגעמעקט!!!!

באשעפער העלף מיך!!! איך כאפ מיין USB און איך פלאג עס אריין אינעם קאמפיוטער.

ס'כאפט נישט... באשעפעעעעעעעררררר!!!!!! הא, ס'איז אריין... קאפי פעיסט. ס'הייבט אן..

באשעפער העלף ס'זאל ענדיגן אין צייט.... באאם די קאמפיוטער שלאפט איין...

טאטעעעע!!!! צוויי שעה ארבעט זאל נישט גיין אין מיסט!!!

איך האב נישט געוויסט אויב מיין ארבעט איז געגאנגען אין מיסט אדער נישט, אפשר איז עס יא אריין צום USB. למעשה בין איך אנגעקומען צו א אנדערע קאמפיוטער און... שכח אייבערשטער!!! אלעס איז אדורך געהעריג!!

**ב)** איינמאל א יאר דארף מען טעסטן די קאר. אבער מיין קאר איז א צוקראכטע שמאטע קאר. און ווען ס'קומט אן אזא קאר צום מעקעניק האבן זיי ליב עס נישט אדורך לאזן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז די טעסט זאל אריבערגיין כשורה, שכח אייבערשטער ס'איז אדורך בשלום אן קיין פראבלעמען.

**ג)** דא ארבעט עס אז ווען מ'באשטעלט א זאך, קומט עס אן צו א געשעפט אין די געגענט און נישט ביזן טיר. איך האב געהאט עפעס באשטעלט און מ'האט מיך געזאגט אז ס'איז אנגעקומען אין א געשעפט נעבן מיין שטוב.

איך בין געפארן צום געשעפט, איך זוך מיין פעקל, זאגט ער אז ער דארף די נאמבער וואס איז אנגעקומען אויף א טעקסט. האב איך אים געענטפערט אז איך האב עס נישט, ווייל אין ארץ ישראל איז נישטא קיין טעקסט אויף א כשרע טעלעפאון. האט ער עס נישט געוואלט געבן. 'אבער ס'שטייט מיין נאמען' 'איך קען דיר נישט העלפן'.

ס'איז געווען זייער הייס און איך האב פארלוירן מיין שיקול הדעת און נישט געבעטן דעם אייבערשטער ליידער, דערפאר האב איך געדארפט פארן אהין און צוריק פון די געשעפט צו די קיאסק - קוקן אויפן אימעיל וועלכע נאמבער ער דארף. למעשה איז ער מיט קיין שום קאוד אדער נאמבער געווען צופרידן.

דעמאלטס האב איך מיך געכאפט צו בעטן דעם אייבערשטער... נאכן בעטן קום איך אריין נאכאמאל אין געשעפט און ער זאגט מיר: 'ווייסטו וואס? וויאזוי הייסטו? איך וועל טשעקן דיין נאמען...' שכח אייבערשטער!!

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א



**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵּק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן הֵיילִיג, בִּקְדוּשָּׁה.

אִיז בִּכְלַל דָא אַזַא זַאךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל גָארְנִישְׁט זִינְדִיגְן? אוּן אוֹיבּ יָא וִוי אַזוֹי קוּמְט צוּ אַ מַדְרֵיגָה אַז מֶען זָאל גֵיין שְׁלָאפְן אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין בִּקְדוּשָּׁה אָן קַיין דוּרְכְּפַאל?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיֵרָא, י"ד מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת יד.): "**כָּל הַמַּשְׂבִּיעַ עַצְמוֹ מִדִּבְרֵי תּוֹרָה**", וֶוער עֶס זֶעטִיגְט זִיךְ אָן מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, "**וְלָן**", עֶר גֵייט שְׁלָאפְן זַאטֶערְהֵייט מִיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, - "**אֵין מְבַשְּׂרִין אוֹתוֹ בְּשׂוּרוֹת רָעוֹת**", וֶועט שְׁלָאפְן אַ גוּטֶע שְׁלָאף, עֶר וֶועט נִישְׁט הָאבְּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע חֲלוֹמוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי יט, כג): "**וְשָׂבֵעַ יָלִין**", וֶוער עֶס גֵייט שְׁלָאפְן זַאט פוּן דִי תּוֹרָה, "**בַּל יִפָּקֶד רָע**", וֶועט נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ; בְּמִקְרָא, מִשְׁנָה, גְּמָרָא, מֶדְרָשׁ, הֲלָכָה וְאַגָּדָה - וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטְס, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען גְרִינְגֶערְהֵייט אָנְקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - דָאךְ זָאל מֶען לֶערְנֶען אוּן בְּמֶשֶׁךְ דִי צַייט וֶועט מֶען שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו).

דֶער רַמְבַּ"ם זָאגְט (פֶּרֶק כב מֵהִלְכוֹת אִסּוּרֵי בִּיאָה, הֲלָכָה כא) דִי אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זֶענֶען נָאר: "בְּלֵב פָּנוּי מִן הַחָכְמָה" - אִין אַ לֵיידִיגֶע הַארְץ; אַז מֶען לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הִיט דִי תּוֹרָה אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ נִכְשָׁל וֶוערְן אוּן וֶוערְן טָמֵא. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל:): "**אִם פָּגַע בְּךָ מְנֻוָּל זֶה**", אַז דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט דִיר אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, "**מָשְׁכֵהוּ לְבֵית הַמִּדְרָשׁ**", שְׁלֶעפּ אִים אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; לוֹיף צוּ דִי תּוֹרָה וָואס אִיז אַ פַאנְצֶער פַארְ'ן יֵצֶר הָרָע.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שָׁם) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן: "**בָּנַי, בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין**", מַיין קִינְד, אִיךְ הָאבּ בַּאשַאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע אָבֶּער אִיךְ הָאבּ בַּאשַאפְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אַ מֶעדִיצִין קֶעגְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "**וְאִם אַתֶּם עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אֵין אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ**", אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט תּוֹרָה וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אִים, "**וְאִם אֵין אַתֶּם עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אַתֶּם נִמְסָרִים בְּיָדוֹ**", אוּן אוֹיבּ דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט קַיין תּוֹרָה - וֶועסְטוּ זַיין אוּנְטֶער אִים רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## פַּחַד

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן פְּחָדִים הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** אַז דוּ ווִילְסְט אַן עֵצָה נִישְׁט צוּ זַיין דֶערְשְׁרָאקְן - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֶערְן הֶערְן נַייעֶס; נַייעֶס אִיז אַ שֶׁעדְלִיכֶע זַאךְ, עֶס מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן וַוארְפְּט אִים אַרַיין אִין אַ פַּאנִיק. דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק פוּן דִי תּוֹכָחָה (וַיִּקְרָא כו, לו): "**וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם**", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה וֶועל אִיךְ אַרַיין לֵייגְן אַ מוֹרָא אִין אַייךְ, "**וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף**", אִיר וֶועט אַנְטְלוֹיפְן פַאר שְׁרֶעק פוּנֶעם קוֹל וָואס דִי בְּלֶעטְלֶעךְ גֶעבְּן אַרוֹיס וֶוען דִי ווִינְט בְּלָאזְט דֶערוֹיף, טַייטְשְׁט עֶר (בְּסֵפֶר חַיִּים וְשָׁלוֹם) דֶער "**עָלֶה נִדָּף**", מֵיינְט מֶען דֶער פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם בְּלֶעטְל פוּן אַ צֵייטוּנְג וָואס דֶערְשְׁרֶעקְט טָאג אֵיין טָאג אוֹיס פוּן מִלְחָמוֹת וְכַדוֹמֶה; אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דִי וָואס לֶעבְּן מִיט נַייעֶס, זֵיי וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן גָארְנִישְׁט מִיט נִישְׁט, דִי נַייעֶס וַוארְפְּט שְׁטֶענְדִיג אַ פַּחַד אוּן אַ פַּאנִיק, דָאס הַרְגְ'עֶט דֶעם מֶענְטְשׁ מֶער וִוי יֶעדֶע צָרָה.

ווּאוֹיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זַיין נַייעֶס אִיז דִי פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ, זַיין נַייעֶס אִיז אַ בְּלַאט גְמָרָא, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט; עֶר וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַאפְן דִי וֶועלְט אוּן פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט בֶּעסֶער מַאכְן אָדֶער עֶרְגֶער מַאכְן; אַזַא אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּה מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועלְט, וָואס עֶר דַארְף בֶּעט עֶר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיין הָאפֶענוּנְג אִיז נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם נָאר אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

חַזֵר זִיךְ דִי עֶרְשְׁטֶע אֲנִי מַאֲמִין וֶועט דִיר גוּט זַיין; חַזֵר זִיךְ: "**אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים**", אִיךְ גְלֵייבּ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלֶעס בַּאשַאפְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט אַלֶעס, "**וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים**", נָאר עֶר אַלֵיינְס הָאט אַלֶעס גֶעטוּן, טוּט אַלֶעס אוּן וֶועט אַלֶעס טוּן.

(ג' לֶךְ לְךָ, ט' מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א )

## געדאנקען

משה ארי' שניצלער



# א רענדל פון גשמיות און רוחניות דולאמען

שמילי איז א מצוין וואס יעדער טאטע וואלט זיך געוואונטשן.

אבער נישט סתם א מצוין, נישט נאר ער פרעגט אריין ביים פארלערנען די קושיא וואס תוספות גייט פרעגן, נאר כמעט יעדן טאג פאלט אים ביי א קושיא פון מהרש"א, א קאפ האט ער אזאנס אז אלע מגידי שיעורים זענען זיך מחי' צו רעדן מיט אים אין לערנען, אזש זיי פארגעסן אז ס'איז דא נאך תלמידים אין די כתה.

די לעבנס ביאגראפיע פון שמילי, אז מ'וויל עס דיסקרייבן אין קורצן איז עס בערך אזוי "מצוין, וואס פעלט אויס ברסלב, טשילער, אומאן, איך מיין נאר דיין טובה".

מיר וועלן עס מסביר זיין איר זאלט פארשטיין.

ביי די בר מצוה איז שמילי געווען א תמימות'דיגע שפעלע, גארנישט געוואוסט מער ווי זיינע ד' אמות פון גמרא תוספות און מהרש"א.

זיין גרויסע ישיבה גדולה ברודער פון ניינצן יאר, דודי, וואס דער טאטע האט זיך נישט געקענט דערוועילן א שידוך פאר אים, פלעגט כסדר זיך אונטערלאכן פון זיין קליינע ברודער'ס תמימות, אוי ווען ער זאל וויסן אז ס'איז דא א וועלט, ס'טוט זיך, ס'לעבט זיך (דודי פלעגט כסדר זיך שאפן א קאר פון א חבר, צו קענען אריינרייסן אין די גוי'אישע געגנט און קענען געהעריג קויפן ציגערעטלעך ווי א מענטש, אן קיין "פרעשער"..... דער מנהל זאל אים נישט אזוי נאכקוקן, דודי האט אלץ געהאט אישו'ס מיט "פרעשער", פארוואס מוז איך גיין מיט א רעקל אין שול?! פארוואס בין איך נישט געבוירן ביי די "באדערענע" וואו ס'איז נישט דא די אומדערטרעגליכע רעקל-פרעשור.....)



שמילי פלעגט טראכטן אז די טעם פון א מהרש"א'ס קושיא שטייט אים בעסער אן ווי די גוי'אישע-געגנט-ציגערעטלעך פון זיין דיפרעסטע ברודער.

שמילי איז א תמים, אבער א תמים מיט טעם, א שמאלציגס, א קרעפטיגס, א ציפ אין בעקל.





ווען שמילי איז אריין אין ישיבה גדולה, האט מען געמאכט דעם דזשאב אויף אים (אזוי ווי אכט יאר צוריק מיט דודי, וואס איז געווען דער זעלבער תמים) ס'האט געשוועבט ארום אים א לופט פון זיך אויסלאכן פון די פאנאטישע וואס ווייסן נישט אז די גוי'אישע וועלט האט עכט וואס צו געבן, געווען בחורים וואס האבן זיך געקאכט אין בעיס-באל, בעסקעט-באל, פוט-באל, געווען אויך בחורים וואס האבן געהערט די טאלק-שוי'ס פון לימבוי, סעוועדזש און נאך (איך רעד בעיקר פון די ערליכערע בחורים פון יענע ישיבה, פון די נישט ערליכע וויל איך נישט יעצט רעדן אין דעם היינטיגן ארטיקל)

שמילי איז געווען א קלוגער, ער האט געוואוסט אז ער גייט נישט פארפאטשקענען די שפיל, ער גייט עס מאכן צו די פיניש-ליין, ער גייט ציען ביז די שידוך, חסידישע פיאות, חסידישע ציצית, חסידישע שיך, ער גייט נישט אויסזען ווי יענער חבר וואס האט פארשפילט זיין שידוך, ער קומט פון א כניאקישע שטוב און ער האט זיך אויפגעריסן מיט די לבוש און האט באקומען א כלה וואס איז נישט כניאקיש און נישט באלעבאטיש, נישט צו גאט און נישט צו לייט, נישט אראפצושלינגען און נישט אויסצושפייען, א שווארצע רעטעך געווייקט אין זויערקרויט.

שמילי איז א פארשטענדליכער, ער גייט מאכן זיכער אז ער פאסט זיך אריין אין א רייכע, באלבאטישע, קלאסישע, אויבערשטע-פון-שטייסל'דיגע, צו גאט און צו לייט'ישע משפחה.



אז אויב אין
א ליאדע
מינוט וועט
מען אים
רופן פון די
יו-ען פרעגן
אן עצה צו
ענדיגן דעם
קאנפליקט

א פיפיגער איז ער געווען און דער שידוך איז געשען, אלע האבן געזאגט עדות אז ער האט גוט געטראפן, די כלה האט געהאט די טייערסטע קליידער פון די גאנצע גרעיד, זי האט גוט געקענט אלדזשעברא, קאלקיולאס, טריגאנאמעטרי, פיזיקס, טעיבל או עלעמענטס און נאך אסאך זאכן וואס קומט נישט צוניץ אין לעבן.

נאך די חתונה האט ער געלערנט צוויי יאר אין בית המדרש "יומי דפגרא בכל יומי" ווי ער האט דורכגעטון מיט גרויס חריפות אלע וועלטס קאנפליקטן, ער האט געהאלטן איין אויג אויף אוקריינע און איין אויג אויף ארץ ישראל, אז אויב אין א ליאדע מינוט וועט מען אים רופן פון די יו-ען פרעגן אן עצה צו ענדיגן דעם קאנפליקט, זאל ער נישט דארפן זיך ספראווען, נאר גלייך קענען ענדיגן די בלוט-פארגיסונג אין איין אויגן-בליק.









זיין עיקר קלארקייט אין די ענינים איז געווען פאר'ן דאווענען, אויב האט ער געדאווענט אום עלעווע פארטאגס, האט ער שוין נישט געהאט דעם זעלבן קלארן מח פאר די סארט האקעלע ענינים.

ס'איז געווען כמעט א ענין פון פיקוח נפש ער זאל נישט דאווענען פאר פינעווע, ווייל טאמער ער וועט האלטן אינמיטן קריאת שמע ווען מ'רופט אים פון ווייסן הויז פרעגן זיין מיינונג, קען דאס נאך זיין חלילה א גורם אז פוטין זאל ווייטער אנגיין מיט זיין בלוט-דורשטיגקייט, און דאס מוז מען פארמיידן, במילא מוז מען בלייבן ביי דעם אז אויב "שמילי מצוין" דאווענט פאר דרייע, פירע, פינעווע, איז עס א שאלה פון גורם זיין א דריטע וועלט מלחמה.

שוין ברוך השם פינף אזייגער, אוי וואו איז מיין תפלין?! וואו בין איך געווען נעכטן? איינער קען מיר בארגן תפלין? ביסט א געלינקטער? א גערעכטער? אוי'ש וועגן דיר איז געווארן שפעט! פארוואס ברענגסטו מיר נישט דיין תפלין?! שנעלער! אוי מיין ווייב קאלט שוין! פארוואס קאלט זי מיך אינמיטן לערנען?! פארוואס לערנט מען נישט די מיידלעך אין סקול וועגן די שרעקליכקייט פון ביטול תורה?! און בכלל וואס וויל זי? די בעיבי האט געמאכט שמוציג? ס'איז נישט כבוד התורה אז אזא מצוין זאל זיך אפגעבן מיט א בעיבי וואס האט געמאכט שמוציג!

ווען שמילי זעט ווי ס'קומט אריין א ברסלב'ע מפיץ הייבט ער אן קראכן מעכטיגע וויצן, ביסט פריילך? לאמיר זען כאפ א טענצל! זיי זיך נישט מייאש! טאנץ נישט אראפ פון וויליאמסבורג בריק! הא הא הא הא! הא הא!.......
וואס זאגט עטס צו מיין ברסלב'ע פרענד?! כא כא כא !.......

ס'פליען וויצן אויף דעם מפיץ וואס האט גארנישט קיין שלעכטס געטון פאר אונזער שמילי דער וועלטס מצוין.

**מיין קאזין האט געזאגט אז מ'האט נישט געהאלטן דערפון...**

וואס שטייט דא? אז מ'דארף רעדן זיס צו די ווייב? פשי הא! דו קענסט נישט מיין ווייב..... כא כא כא! די אנדערע מענטשן אין די זייט קייכן פאר געלעכטער פון שמילי'ס מעכטיגע וויצן.....

אקעי.... מ'טאר נישט פארשעמען א איד..... זייטס מיר מוחל...... דא האט איר פופציג צענט!...... אבער נאר אויב איר זאגט ארויס מיטן מויל אז איר זענט מיר מוחל..... עכט בין איך ברסלב..... איך לערן ליקוטי מוהר"ן.... נאר נישט די קונטריסים...... מיין קאזין האט געזאגט אז מ'האט נישט געהאלטן דערפון...... ס'איז נישט אזוי פשוט..... מ'דארף וויסן.....

אקעי געטס מיר נישט קיין טשעינדזש..... האלטס די גאנצע דאלער...... איי לאוו יו.... איי לאוו ברסלב......

אקעי וואו איז די תפלין?! נו ! ס'ווערט שפעט!

זיין ווייב קאלט אים דערמאנען אז מ'דארף איינקויפן זאכן פאר די טריפ קיין קאליפארניע מארגן פיר




מ'וויל! יעי!!! יעי!!! יעי קאליפארניע!!!!!

אויש!!! זאג מיר נישט! וואו איז..... וואו איז...... כ'האב עס געברענגט? פארגעסן? יא פארגעסן? נישט פארגעסן?

**דא אין קאליפארניע קען מען טון וואס מ'וויל!**

פארוואס האט זי נישט געפאקט מיין תפלין?! פארוואס????!!!!! זי האט דאך געפאקט די גאנצע רענצל!!!! פונקט דעם האט זי נישט געקענט אינזין האבן? וואס איז די מעשה מיט די פרוי?????!!!!!

אבער ס'האט דאך גארנישט מיט איר!!!!

פארוואס האב איך געלאזט מיינע תפלין אין כולל?????!!!!!

כ'האב מיך דערמאנט ביינאכט ביים פאקן, און כ'האב געטראכט איך וועל עס נעמען דריי אזייגער פארטאגס אויפן וועג צום עירפארט, און כ'האב פארגעסן.....

נאך א מזל זי איז נישט דא יעצט, זי איז געגאנגען אונטן אין לאבי ברענגען צוויי סאדע'ס מיט אייז, וואס טו איך דא?!!!!!

אפשר איז דא עפעס א חב"ד סענטער אין די געגענט?

האלא? דיס איז די חב"ד ראביי? איי קען קאם פוט אן תפילין?

יעס! עני טיים!

ער קען נישט טראכטן וואס צו זאגן פאר זיין ווייב..... הממממ איך גיי עפעס נעמען פון די קאר, ער רייסט אויף אכציג, ביז צוויי מייל אוועק, וואו ער זעט א טאוול "חב"ד סענטער"



אזייגער פארטאגס (מ'גייט זיך אויסרוען, דערפאר הייבט מען אן דריי דרייסיג פארטאגס).

זיי רייסן אריין אין די "מאלל", מ'גייט קויפן מעכטיגע סאן-גלעסעס און זאלן אלע שונאים פלאצן...... א נקמה אין די "פרעשער" מענטשן.....

אויך נישט פארגעסן א בעיס-באל קעפ (מ'גייט עס אנטון פארקערט, אזוי ווי אין הארלעם, זאל יעדער קראכן, א סוף מיט די לחץ, טיילטס מיר נישט איין וואס צו טון! די "באדערענע" זענען נישט קיין אידן?!)

אוי איך מוז דאך קויפן הויזן! די כולל-הויזן לאזט מען נישט אריין אין יענע האטעל, מ'מוז קומען מיט "געהעריגע" הויזן, אין קאלעפארניע גייט קיינער נישט מיט אזא יאנטשי' הויזן, אין קאליפארניע גייט יעדער "נארמאל" "געהעריג", נישט אזוי ווי דא ביי די "יאנטשי'ס" "כראזלס" וואו איך בין געבוירן, אוי פארוואס בין איך נישט געבוירן ביי "נארמאלע" קאליפארניע מענטשן?!

מארגן נאכמיטאג, מ'טשעקט אריין אין האטעל, סאן-גלעסעס, בעיסבאל קעפ, "געהעריגע" הויזן, א מחי'!

גיימיר אביסל זען די נייעס, אינדערהיים וואו איך וואוין מיט די "פרעשור מענטשן" לאזט מען נישט זען קיין נייעס, דא אין קאליפארניע קען מען טון וואס




צוקנייטשטע מצב אין די מורא'דיגע געהעריגע פריילכע קאליפארניע????!!!

אוי ווער טעקסט מיך? מיין קאזין הערשי מאכט א קידוש....... וואס האב איך מיט אים? ער טעקסט אלע זיינע קאזינס? וואס איז די מעשה מיט אים?! כ'טרעף אים נישט ווי גרויס די יאר איז..... איין מינוט, וועלכע הערשי איז דאס? אה דער ברסלב'ער... ער טעקסט מיך צוויי מאל א יאר, ווען ער האט א בעיבי און ווען ברסלב מאכט די מיליאן דאלער קאמפיין......

**וואט איז מיי דיידעקשן אין לייף? וואס איז מיין גאול אין לעבן?**

ברסלב'ע קאמפיין...... אה די וואס מאכן די חתונות אומזיסט...... נעבעך אזוי יאנטשי'.... ווער קען געבן שכל פאר די ברסלב'ע חברה אז א חתונה קומט מיט פופציג אלפים חובות....... לאמיך געבן א קוק אויף די אינטערעסאנטע חברה..... כ'האב שוין לאנג נישט געלאכט.... געב א קוק! "בחורים! נאר זאגן משניות וועט דיר העלפן!!!"..... wow wow!!!! די חברה געבן נישט אויף!!!

בחורים! האלטס שבת! קוק נישט דיין פאון שבת! (אזא נעבעכדיגע ישיבה..... ווער לערנט דארט? מחללי שבת? "באדערענע"? וואס גייט דארט פאר?.....)

בחורים! לייגטס תפלין!!!! בחחחוררריםםם!!!! לייגטס תת--פפ--לל--ין!!!

שמילי כאפט א גלעזל וואסער..... ער איז דיזי'..... זיין בויך איבלט...... זיין קאפ דרייט זיך..... ער פאלט אראפ.... נאך א מזל ער איז אראפגעפאלן אויף די בעט.... אזוי האט ער נישט געכאפט א זעץ פון



ער טוט אן די תפלין מיט ציטערדיגע הענט, ער איז קיינמאל אין לעבן נישט געוועזן אזוי טראמאטייזד ווי יעצט!......

ער נעמט אראפ די טאמי הילפיגער בעיסבאל קעפ פון זיין קאפ, אין זיין גאנצע לעבן איז ער נישט געוועזן אזוי פארשעמט ווי היינט, ער לייגט ארויף דעם של ראש אויף זיין קאפ און זאגט "שמע ישראל" ווי א באדערענער.....

זיין קעפעלע קען גוט רעכענען, ער פארשטייט זיין בראך, ער שאצט גוט אפ זיין מצב, ער כאפט א בליק אויף די רויטע באדערענע תפלין בייטל, פון גרויס פארשעמטקייט פלאצט אים שיעור-נישט די אדערן אין מח.

ער האט אמאל געהערט אז א מענטש קען כאפן א זעץ אין לעבן, אבער אזא זעץ?!

אבער וואס טו איך "יעצט"....... וואו גיי איך פון דא? וואט איז מיי דיירעקשן אין לייף? וואס איז מיין גאול אין לעבן? וואו וויל איך אנקומען? און וואס איז די לעבן בכלל? וואס וויל איך? כ'האב נישט קיין אאאאאנונג!!

צוריק אין האטעל, די נייעס גייט הויך אויף די מאקסימום, יעי קאליפארניע! מ'קען זען די נייעס!!!!

וואס איז מארגן מיט תפלין???? ווי אזוי בין איך אריינגעפאלן אין אזא מיאוס'ע קלאפאטע????!!!! אוי וואו איז די ענטפער צו מיין



אראפפאלן אויף דער ערד.... ער דעקט צו זיין פנים מיט די קושן און פלאצט אויס אין א יאמערליך געוויין.... ער האט אזוי נישט געוויינט פון ווען ער איז געווען צוויי יאר אלט און זיין מאמע האט אים פארלוירן אין די ריזיגע שאפינג מאלל.... און יעצט איז ער סאך מער פארלוירן ווי דעמאלטס.......

צוועלף חדשים שפעטער זענען זיי געפארן צו די זעלבע האטעל.

שמילי הערט די ברסלב'ע האט-ליין יעדן טאג, שוין געענדיגט צען מאל ששה סדרי משנה. ער האט שוין קרובים און ידידים וואס מיינען זיין טובה אז משניות איז נישט גוט פאר אים.

די טאג פון די נסיעה איז ער אהיימגעקומען אכט אזייגער צופרי', שוין געדאווענט מיט די זיבן אזייגער מנין, שוין געזאגט א פרק משניות א דף גמרא און אביסל חומש.

ער געבט א קיש זיינע הייליגע תפלין און לייגט עס אנידער לעבן די טאמי' הילפיגער בעיסבאלל קעפ און די רעי-בען זון ברילן.

ער קוקט מיט א smirk אויף זיין שפאגל נייע דזשיוועטשי' העמעדל וואס ליגט לעבן זיין טרעוול-משניות. לייף איז גוד. לייף איז יאמם.

ער זאגט שטילערהייט, הייליגער באשעפער העלף דער ראש ישיבה זאל ווייטער רעדן פון תפילין, אז נאך אידן זאלן געהאלפן ווערן אזוי ווי איך, הייליגער באשעפער, פאר וועם קען איך זאגן וואס ברסלב האט געטון פאר מיר?! זיי וועלן מיר אלע זאגן אז משניות איז נישט פאר דיר.... איך מיין דיין טובה.... כ'האב דיר נאר געוואלט זאגן אז איך וויל דיר גארנישט זאגן.... אבער ס'איז נישט אזוי פשוט.... הייליגער באשעפער, די יאר פאר איך קיין אומאן, כ'וועל זאגן אז איך גיי עס נאר פאר איינמאל אויסטשעקן, נאר פאר די עקספיריענס.......

די קאר סערוויס פייפט שוין.... אין א מזל'דיגע שעה גיימיר צום עירפארט.

שמילי לייגט די הענט אויף די מזוזה און זאגט: הייליגער באשעפער העלף איך זאל טראכטן פון דיר יעדע מינוט, העלף איך זאל האלטן די תורה אין יעדע צייט, אויף יעדע פלאץ, אין יעדע מצב, שכח אייבערשטער פאר די דרשה פונעם ראש ישיבה אז גשמיות מיט רוחניות איז איינס, אלעס איז דער אייבערשטער, אין קאליפארניע איז אויך דא דער באשעפער.

שמילי האלט אין איין הענט זיין באליבטע קליינע משניות און אין די אנדערע הענט זיין רענצל פון גשמיות מיט רוחניות צוזאמען.

**לייף איז גוד. לייף איז יאמם.**



# א מעשה
## פון א צדיק

## אַ יָתוֹם אַלֵיין

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אִיז גֶעבּוֹירְן אִין יָאר תקע"ד, עֶר אִיז גֶעוואָרְן אַ יָתוֹם פוּן טאַטֶע מאַמֶע וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען גאָר אִינְג, אוּן אַזוֹי ווִי דִי סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען וֶוען מֶען אִיז גֶעוואָרְן אַ יָתוֹם הָאט זִיךְ קֵיינֶער נִישְׁט אוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אַ יָתוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וֶוער עֶס זָאל אִים מְחַנֵךְ זַיין. עֶר הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן, עֶר פְלֶעגְט אַיינְשְׁטֵיין בַּיי זַיין פֶעטֶער ר' רְאוּבֵן יוֹסֵף פוּן שְׁטָאט הֵייסִין וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, אָבֶער דָאךְ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען עֶפֶּעס וָואס זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



וֶוען רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט קוּמֶען קֵיין הֵייסִין, אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דֶעם פֶעטֶער ר' רְאוּבֵן יוֹסֵף. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעוֶוען דָארְט יוֹם טוֹב פּוּרִים, מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדַת פּוּרִים צוּזַאמֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן שְׁטָאט הֵייסִין. רֶבִּי נָתָן הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַ לַאנְגֶע דְּרָשָׁה פוּן תַּכְלִית אַזוֹי ווִי זַיין סֵדֶר אִיז גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵיי אוֹיפְגֶעפְלַאמְט דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַ הִתְעוֹרְרוּת אוּן הִתְחַזְקוּת. בַּיים סוֹף תּוֹרָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, אוּן מֶען קֶען זִי נִישְׁט בַּאקוּמֶען, תּוֹרָה וּתְפִלָּה אִיז יָא אוּן מֶען קֶען דָאס יָא בַּאקוּמֶען"; רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער - נָאךְ זַייעֶנְדִיג אַ יוּנְגֶער בָּחוּר - הָאט דָאס גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן זָאגְן מִיט אַזַא פְלַאם פַייעֶר, אִיז דָאס אִים אַרַיין טִיף אִין הַארְץ, דַאן הָאט עֶר אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין בְּלַייבְּן בַּיי רֶבִּי נָתָן שְׁטֶענְדִיג. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְגֵיין רֶבִּי נָתָן אוּן הֶערְן תּוֹרָה אוּן שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן.

שְׁפֶּעטֶער הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט צוּ אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן דִי תּוֹשָׁבִים אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן זַיין רָצוֹן צוּ זַיין נָאנְט צוּ רֶבִּי נָתָן. עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְשַׁמֵשׁ זַיין רֶבִּי נָתָן אוּן מְקַבֵּל זַיין הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן שִׂיחוֹת פוּן אֱמֶת'ן תַּכְלִית. עֶס הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶענוּמֶען לַאנְג אוּן זַיין ווַייבּ אִיז אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט. הָאט עֶר דֶערְנָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ פְרוֹי פוּן שְׁטָאט טוּלְטְשִׁין וָואס אִיז נָאנְט צוּם שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צְוֵוויי פַּרְסָאוֹת.

אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין טוּלְטְשִׁין הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַסַאךְ בַּיי רֶבִּי נָתָן, צְוֵויי מָאל אַ חוֹדֶשׁ פְלֶעגְט עֶר פָארְן צוּ רֶבִּי נָתָן, דָאס הֵייסְט אַז אֵיין שַׁבָּת אִיז עֶר גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים אִין טוּלְטְשִׁין, אוּן אֵיין שַׁבָּת בַּיי רֶבִּי נָתָן אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב, אוּן אַז עֶר פְלֶעגְט שׁוֹין פָארְן צוּ רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט עֶר שׁוֹין דָארְט זַיין אַפָּאר טֶעג פַאר שַׁבָּת אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אַפָּאר טֶעג נָאךְ שַׁבָּת. אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען חוּץ דִי גְרוֹיסֶע נְסִיעוֹת וָואס עֶר פְלֶעגְט פָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן צוּ ווַייטֶערֶע פְלֶעצֶער.

(ספר אילן החיים אות קכה - קכח)





# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

| פארזעצונג |

**- נ"ב -**

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶוען עֶר הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

* * *

אִין יֶענֶע יָארְן, וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעווּאוֹינְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אִיז נִתְקַרֵב גֶעוָוארְן צוּ אִים זַיין בְּרוּדֶער ר' יְחִיאֵל. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער חָסִיד פוּן רֶבִּי'ן, צוּלִיב אַ מַעֲשֶׂה שֶׁהָיָה.

אֵיינְמָאל אִיז ר' יְחִיאֵל גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף אַ שַׁבָּת, עֶר הָאט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן סְ'אִיז אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפָאלְן. וֶוען עֶס אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ דִי צוּפְרִי סְעוּדָה, הָאט דֶער עוֹלָם גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, מְ'הָאט דֶערְצֵיילְט סְתָּם מַעֲשִׂיוֹת פוּן דָא אוּן דָארְט, אוּן דָאס הָאט שְׁטַארְק נִישְׁט גֶעפָאלְן פַאר ר' יְחִיאֵל, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט עֶר גֶערֶעדְט מִיטְ'ן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דֶעם אַז בַּיי דִי סְעוּדָה צוּפְרִי הָאט מֶען סְתָּם פַארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט מִיט מַעֲשִׂיוֹת.

הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "דוּ גֶעדֶענְקְסְט אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מְ'הָאט דֶערְצֵיילְט בַּיים טִישׁ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי?". ר' יְחִיאֵל הָאט נִישְׁט גֶעדֶענְקְט אַלֶעס, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ גֶעדֶענְק יָא אַלֶעס". אוּן דַאן הָאט דֶער רֶבִּי פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר פוּן צִימֶער, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מְסַדֵר זַיין פַאר זַיין בְּרוּדֶער אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת וָואס מְ'הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט, אוּן עֶר הָאט אִים אַבִּיסְל עֶרְקְלֶערְט וָואס עֶס לִיגְט אוּנְטֶער דִי אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת, סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטֶע מַעֲשִׂיוֹת, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער שְׁמוּעֶס פַארְצוֹיגְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז אִין טָאג אַרַיין; מְ'הָאט גָארְנִישְׁט בַּאמֶערְקְט וִוי דִי צַייט לוֹיפְט אַרִיבֶּער, וַוייל דִי לָאדְנְס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמַאכְט.

דֶערְוַוייל הָאט מֶען אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיפְ'ן זֵייגֶער אוּן גֶעזֶען אַז סְ'אִיז שׁוֹין לַאנְג טָאג, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ דֶער שְׁמוּעֶס גֶעעֶנְדִיגְט, אוּן ר' יְחִיאֵל אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן דָארְט מוֹרָא'דִיג אִיבֶּערְגֶענוּמֶען, עֶר הָאט מַמָשׁ גֶעוֵויינְט פוּן הִתְרַגְשׁוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּ זִיךְ.

פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן אוּן שְׁלָאפְן, נָאר גֶעוֵויינְט אוּן גֶעוֵויינְט, פוּן דִי גְרוֹיסֶע תְּשׁוּקָה אוּן גַעֲגוּעִים אוּן הִתְעוֹרְרוּת וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם שְׁמוּעֶס מִיט~'ן רֶבִּי'ן אוּם מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

פוּן דֶעמָאלְט אָן אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר מְקוּשָׁר צוּם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז שׁוֹין גֶעבְּלִיבְּן בַּיים רֶבִּי'ן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן נָאר פוּן עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת, בִּיז עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק אוּן אַ רָצוֹן אַז זֵיי זָאלְן אִים אוֹיךְ נָאכְטוּן, אָפְּצוּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט, אוּן נָאר דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַן אֱמֶת.

אֵיינְמָאל הָאט אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אִים אַז עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אִין פַּרְנָסָה. הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר הָאט דִי הַארְץ מִיר צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דִי וֶועלְט. אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וִוי אֵיינֶער וָואס גֵייט טָאג אוּן נַאכְט אִין מִדְבָּר, אִין דִי ווִיסְטֶענִישְׁן, אוּן עֶר ווִיל דָארְט מַאכְן אַ שֵׁיינֶעם יִשׁוּב. אִין אֵייעֶר הַארְץ אִיז דָאךְ מַמָשׁ אַ מִדְבָּר, סְ'אִיז פוּסְט אוּן ווִיסְט, אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דָארְט אַ שְׁטִיקְל יִשׁוּב, אַז דִי שְׁכִינָה זָאל דָארְט קֶענֶען וואוֹינֶען.



א ישוב אין מדבר

וִויפִיל כּוֹחוֹת אוּן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט דַארְף מֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ גְלַאט שְׁטִיקְל גְרָאבֶּע הָאלְץ, צוּ מַאכְן דֶערְפוּן שֵׁיינֶע נוּצְבַּארֶע כֵּלִים? וִויפִיל דַארְף מֶען זִיךְ פְּלָאגְן בִּיז מְ'צֶעהַאקְט עֶס, מְ'הוֹיבְלְט עֶס אָפּ, אוּן מְ'שְׁנַיידְט עֶס שֵׁיין אַרוּם, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער דַארְף מֶען אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע מִיט פַארְשִׁידֶענֶע אַרְבֶּעטְס גֶעצֵייג צוּ מַאכְן דֶערְפוּן עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע כֵּלִי; אוּן מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶּע דַארְף אִיךְ זִיךְ אָנְפְּלָאגְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אַייךְ, בִּיז אִיךְ קֶען שׁוֹין זֶען דִי פֵּירוֹת פוּן מַיין אַרְבֶּעט, סְ'זָאל וֶוערְן פוּן אַייךְ עֶפֶּעס אַ שֵׁיינֶע כֵּלִי; אוּן דֶערְוַוייל קוּמְט אִיר גָאר מִיר מְבַלְבֵּל זַיין מִיט אַזֶעלְכֶע נַארִישְׁקֵייטְן?!".

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם

**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"**

# מיין צייט



ישראל דוד העסקעל

ס'נייעס? וואס נאך? וואס זאגסטו תכלית? שוין לאנג נישט געהעריג געשמועסט, וואס גייט פאר? נא עפעס חדשות, זאג שוין עפעס...

מיין געוועזענע פארטאגס חברותא קלינגט מיר אריין מיט די וועכנטליכע ס'מאכסטו ס'טוטציך פאון קאל, יא מיר האבן געלערנט צוויי טעג אין א צי 7:00 אזייגער פארטאגס, למעשה איז געבליבן דעמאלטס נאך א וואך אז בעסער וועט זיין אויב מיר וועלן ענדערש שלאפן אין די צייט, ווייל א דריי פערטל שעה שלאף איז אסאך וויכטיגער ווי א דריי פערטל שעה שמועסן איבער אן אפענע גמרא...

אבער דער פאון קאל דאס איז שוין געווארן ווי מסורה, יעדע זונטאג מיטאג צוקלינגט זיך מיין פאון...

צוויי וואכן צוריק איז די טעלעפאן רוף געגאנגען בערך אזוי:

העלא?! יא וואס גייט פאר שוין אזוי לאנג נישט גערעדט... וואס זאגסטו עפעס גוטס? האסט געהערט וואס איז געווארן צום סוף מיט משה? ניין?? איך מוז דיר זאגן.



געדענקסט נאך די גאנצע קאר מעשה ווען ער האט געפיינענסט א קאר אויף זיין שוואגערס נאמען און ער האט אים נישט געזאגט?

ס'איז אריבער חדשים אן פעימענטס, זיין שוואגער האט געהאלטן דעמאלט פונקט אינמיטן קויפן א הויז און ער האט אים געלייגט שלאפן די גאנצע קרעדיט, ער האט נישט געקענט ארויסנעמען א מארטגעדזש, צום סוף האט ער עס געדארפט לייגן אויף א צווייטנ'ס נאמען, ס'איז געווען ששון ושמחה די גאנצע שטאט האט זיך איבערגעקערט.

איך האב אלץ געוואוסט אז פון אים דארף מען שטיין ווייט אבער זיין שוואגער נעבעך איז געווארן א קרבן.

ער איז דעמאלט אוועק אין א ריהעב פאר עטליכע חדשים, יעדער האט געשמועסט, קיינער האט נישט געוואוסט



פארוואס, דער עולם האט גערעדט דעמאלט אלע לשון הרע'ס סתם אין די וועלט אריין. מענטשן האבן געזאגט אז ער האט געכאפט א נערוון בראך לא עלינו מ'האט גערעדט אויף אים ממש סתם אבי'...

איך האב שוין דעמאלט מיטגעהאלטן פון אונטער די קוליסן אז ער איז אריבער אסאך אביוז און דאס האט אים געמאכט טראסט אישוס. דערנאך איז ער געווארן אינגאנצן פארמאכט, נישט גערעדט מיט קיינעם און דאס האט צוגעברענגט ער זאל באקומען סטיקי הענד סינדראם, ווען פון איבעראל ארום אים האט אנגעהויבן פעלן זאכן. און פון דארט איז עס שוין אריין אין עדיקשן אזש ער איז פשוט געווארן א מייסטער גנב! און דעמאלט איז געווען די פרשה מיט זיין שוואגער.

ער איז דעמאלט אריבער 'באהאנדלונגען' און טערעפי די ערשטע מאל אין זיין לעבן און דאס איז געווען א גאנצע ריהעב פראצעדור פון עטליכע חדשים, למעשה איז ער דעמאלט ארויס קלין! מ'האט אים אויסגערייניגט פון אלע דיסארדעס און פון זיין גאנצע געלט אויף איינמאל!

געדענקסט יענע מעשה?

ווערסט נישט גלייבן איך האב יעצט געהערט פון זייער א פארלעסליכער מענטש טאפ טאַפ סיקרעט אינפא אבער דאס בלייבט צווישן מיר מיט דיר, יא?! דו הערסט מ'האט געעפנט אויף אים א ריזיגע אינוועסטיגעישאן ס'קען זיין ער גייט דארפן אנטלויפן ס'איז צרות צרורות....

ער האט געעפנט טשערעדי' אקאונטס און דורכגעדרייט געלט און באקומען פראגרעמס וואס אנדערע צדקות וואלטן ווען געדארפט באקומען, ער האט געמאכט א חיים טובים. איך האב דיר געזאגט איך בין חושש אז דער אויפגעריסענע קאר וואס ער דרייווט קומט פון איינעם'ס טאש ארויס...

בקיצור די רעגירונג איז ארויף אויף אים ס'צרות ווי א בארג יעצט קען מען מאכן א יום תפילה...

וואס נאך?

דו ווייסט איך מוז דיר זאגן עפעס אבער ס'איז פריוועט ס'בלייבט צווישן אונז, יא?!

איך גיי דורך יעצט שווערע צייטן מיט מיין ווייב, שלום בית ווייסט דאך... מיין ווייב וויל נישט קוקן אויף מיר ז' מאכט מיר נישט קיין עסן, ז' וואשט נישט קיין וועש, איך געב זיך ממש נישט קיין עצה. למעשה האב איך געטראפן א בוך אויף עמעזאן פון איינער פון די גרעסטע טעראפיסטן און מומחים אין מערידזש קאונסלינג און דארט איז דא א קלארע 25 סטעפ מהלך פון באקומען גיידענס און קענען לעבן צוזאמען און זיך פארשטיין, איך זאג דיר דו מוזט עס קויפן עס גייט טוישן דיין לעבן!

איך זאג דיר ס'איז אזוי גוט, הלוואי קען איך עס מיטטיילן מיט נאך מענטשן זאלן שפירן דאס וואס איך שפיר, איך זאג דיר קויף עס ס'וועט טוישן דיין לעבן.

אקעי איך הער וואס דו זאגסט מיר וועלן רעדן זיי געבענטשט!

פונעם פאון קאלל האב איך געזען אז א מענטש האט נישט קיין חברים, אזוי ווי דער ראש ישיבה זאגט שטענדיג "דיין





"בעסטע חבר וועט דיר בארעדן", אויב זוכט ער וואס צו שמועסן מיט א צווייטן וועט ער אלעס פונקטליך פארציילן פון דיר.

איך האב איך געזען פון דעם פאון קאלל אז איך מוז טון מער הפצה! מענטשן נעבעך ווייסן נישט אז מען קען לעבן אינדערהיים א געשמאקע לעבן, ער מיינט ביים גוי איז דא עפעס גליקן, און דער גוי האט עפעס א בעסערע וועג וויאזוי צו לעבן דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

צוויי וואכן שפעטער קומט א פרישע פאון קאלל:

ס'מאכסטו? ס'טוטציך? ס'גייט פאר? קום אריין קלאר זאג עפעס וואס נאך תכלית נייעס ....

עניוועי איך מוז דיר זאגן געדענקסט כ'האב דיר געזאגט וועגן דעם בוך פונעם גוי'אישן שלום בית מאכער? בעיסיקלי ער געבט א קורס פאר א האלבע יאר צו קענען ווערן א סערטעפייד מערידזש קאונסלער דורך אים, ער געבט אזוי ווי הכשר פאר אלע וואס נעמען זיין קורס. ס'קאסט א נארישע צען אלפים, און נישט נאר וועט דער מעטאד מיר העלפן נאר איך וועל אויך קענען העלפן אנדערע מיט דער מעטאד און אויך קענען פארדינען פון דעם א פרנסה!

וואס זאגסטו צו דעם?? מעכטיג ניין?!

איך נעם דעם קורס יעצט יעדע נאכט פון זעקסע ביז אכטע ביינאכט און אין זעקס חדשים בין איך א סערטעפייד מערידזש קאונסלער!

וואס נאך? אה געדענקסט די מעשה מיט משה וואס איך האב דיר פארציילט? שטעלט זיך ארויס למעשה אז די גאנצע זאך איז סתם שטותים געווען, ס'הייבט זיך נישט אן. איינער האט געלייגט אויף אים שמועות און נאכדעם געגאנגען זאגן פאר יעדעם, ממש נישט שיין!

אזוי גייט עס, איינער הערט עפעס א האלבע מעשה, ער לייגט שוין צו זיין זאלץ און פעפער און נאכדעם גייט ער ווי א פאסט טרעגער פארציילן פאר יעדעם, אזא עוולה!

ביי דע ווערי אלס א גוטע חבר איך מוז זיך צו איינעם אויסרעדן דו וועסט מיר פארשטיין אפשר וועסטו האבן פאר מיר עפעס א עצה, הער אויס:

איך ווייס נישט וואס צו טון דא, מיין ווייב האט זיך גענומען אויף מיר, אלעס דארף זי רעדן צו מיר, זי איז נאר ביזי מיך מאכן נאך עסן, אלץ מוז זי רעדן צו מיר, ממש איך קען נישט לויז ווערן... אזוי ווי איך קום אהיים פון די ארבעט מוז זי גראד רעדן צו מיר און פרעגט מיר צוויי טויזענט קשיות, וואס טו איך דא? ווי אזוי ווער איך לויז פון איר?

איך פארשטיי נישט! דו האסט דאך נאר געוואלט דיין ווייב זאל קוקן אויף דיר, זיך וויסנדיג מאכן פון דיר, דיר מאכן עסן, שמועסן מיט דיר, איז וואס האט יעצט פאסירט אז דו ביסט אזוי נישט אינטערעסירט אין דיין ווייב, אז דו ווילסט נאר אנטלויפן?





נא נא נא, איך וועל דיר מסביר זיין פון זעקסע ביז אכטע איז מיין צייט [מי טיים] דעמאלטס נעם איך קורסעס אויף מערידזש קאונסלינג, דעמאלט טאר מיך קיינעם נישט שטערן, און פונקט דעמאלט מוז מיין ווייב מיר גראגערן אין קאפ? וואס איז אזוי שווער צו פארשטיין אז איך מעג אויך אמאל האבן צייט פאר מיר... דאס איז מיין סעלף קעיר... וואס טו איך דא?

אנטשולדיגט איר הערט וואס איר זאגט? ביסט געפאלן פון לבנה? וואס איז די מעשה מיט דיר? דו לערנסט זיך מערידזש קאונסלינג און דו האסט פארגעסן פון דיין אייגענע ווייב?

אקעי איך זע שוין ס'איז אמת וואס די גאס זאגט אז ענק זענען ברעינוואשט, וואס איז אזוי שווער צו פארשטיין אז איך דארף מיין צייט? וואס האט עס בכלל שייכות אז איך לערן מערידזש קאונסלינג אין דער צייט? איך זע שוין זייט דו ביסט אנגעקומען קיין ברסלב קען מען מיט דיר נישט רעדן... ביייי.

טייערע ליינער, דאס איז נישט קיין געמאכטע מעשה וואס איך האב אויסגעטראכט, דאס איז א מעשה שהי' וואס האט ווירקליך פאסירט, און עס האט מיר ממש אויפגעשאקעלט.

דער ראש ישיבה זאגט אייביג ווי אזוי קען דיר דער שלום בית מאכער העלפן אויב קען ער זיך נישט העלפן.... וואס האסטו פון לויפן צו א מענטש וואס זיך אליין קען ער זיך נישט העלפן, ווי אזוי וועט דער "סערטעפייד" שלום בית מאכער דיר קענען העלפן? ער וועט דיר סך הכל קענען מסביר זיין אז דו דארפסט מי טיים און דיין ווייב דארף אויך מי טיים און אזוי ליידער צוברעכן נאך א אידישע שטוב ה"י.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן זוכה צו קענען ווערן "געברעין וואשט" מיט די וועג פון די תורה מיט די לימודים וואס דער ראש ישיבה לערנט אונז אז א ווייב איז די חשוב'סטע זאך און א ווייב איז מען מכבד און מי טיים מיינט זיצן און פארברענגען מיט מיין ווייב.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**


מוסדות
היכל הקודש
ברסלב בארה"ב
רענט קאמפיין

הֵיטִיבָה ה' לַטּוֹבִים וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם

פרנס החודש

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר ידידינו

מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו

מו"ה יצחק אייזיק ראטה הי"ו

וואס האבן אפגעקויפט די זכות פרנס החודש

חודש חשון

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבין'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פול סייעתא דשמיא

פרנסי השנה

מו"ה שמוליק בלעדי הי"ו

מו"ה אברהם שבתי מזרחי הי"ו

# סעודה מיטן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי

פרשת ראה תשפ"ג חלק א'



**החתן חיים מאיר ערפס נרו יאיר פארציילט:**

דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען מיט א פרייליכן פנים און אויסגערופן הויעך "גוט שבת גוט שבת".

דער ראש ישיבה האט אויפמערקזאם געמאכט פאר זיין קליינע מיידל וואס איז געזעצן אויפן קאוטש אז זי זאל זיצן מיט צניעות.

דער ראש ישיבה האט יעדן איינעם געוויזן וואו צו זיצן, אלע האבן זיך אוועק געזעצט. מען האט געזינגען זמירות. שפעטער האט מען געשמעקט הדסים, דער ראש ישיבה האט דערמאנט דאס וואס הייליגער רבי זאגט (ספר המדות אות בנים, סימן נט): "עַל יְדֵי הֲדַסִּים בְּשַׁבָּת זוֹכֶה לְבָנִים תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", דורך שמעקן הדסים שבת איז מען זוכה צו קינדער תלמידי חכמים.

## די באדייט פון א נאמען

ס'איז געווען א גאסט ביים טיש וואס הייסט 'ברוך יצחק', דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז די נאמען 'ברוך יצחק' באדייט 'ער איז געבענטשט און פרייליך'. אנדערע קינדער האבן אנגעהויבן פרעגן וואס איז די באדייט פון זייער נאמען, האט דער ראש ישיבה יעדן איינעם געענטפערט, למשל 'שמעון' מיינט 'דער אייבערשטער הערט אויס וואס ער בעט'. 'חיים מאיר' מיינט 'א לעבן וואס שיינט'. 'יצחק דוד' - 'אייביג פרייליך מיטן אייבערשטן'. 'יוסף' - 'פארמערן צו טון א נחת רוח פארן אייבערשטן'. יעדע נאמען האט דער ראש ישיבה אריינגעלייגט א באדייט וואס די נאמען האט שייכות מיטן אייבערשטן.

איין קינד מיט די נאמען 'צבי' האט דער ראש ישיבה געזאגט אז 'צבי' איז בגמטרי'ה 'אמונה'. אויך איז עס א לשון פון 'וועלן - איך וויל זיין גוט'.

נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די גאסט אז ער לערנט ביי א גוטע חדר, ווייל דו זעסט דאך אז איך האב געלערנט ביים יענע חדר און איך בין אויפגעוואקסן דער ראש ישיבה.

## מחנך זיין די קליינע קינדער

דער ראש ישיבה האט עפעס געהייסן פאר איינע פון די קינדער און ער האט עס נישט געוואלט געטון, ער האט אנגעהויבן צו בלאזן און וויינען. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: דו קענסט נישט דא וויינען דו דארפסט פאלגן, מען קען נישט דא וויינען ביים טיש, דא מען דארף פאלגן א טאטע. ער האט זיך נישט בארוהיגט, האט אים

דער ראש ישיבה גזואגט אויב דו הערסט נישט אויף וויינען גיי איך דיר ארויסטראגן אין גאס, דו קענסט דא נישט וויינען. ער האט ווייטער געוויינט, האט אים דער ראש ישיבה נאכאמאל גזואגט הער אויף צו וויינען דא קען מען נישט וויינען. ער האט זיך נישט בארוהיגט, האט אים דער ראש

**מען ענדיגט יעצט האלב ש"ס, איך בעט אייך יעדער זאל נעמען א פעידזש, כאטשיג א בלאט גמרא א טאג!**

ישיבה אויפגעהויבן און ארויסגעטראגן פון די סעודה.

דער ראש ישיבה האט גזואגט אז קליינע קינדער פון פיר יאר אלט, דארף מען מחנך זיין, יעצט איז די צייט זיי מחנך צו זיין אז מען דארף פאלגן א טאטע, מען דארף זיך שטעלן אויף דעם. און דאס איז די גרעסטע רחמנות וואס דו האסט פארן קינד, אזוי וועט ער אויסוואקסן א גרויסער צדיק.

למעשה נאכדעם וואס ער האט זיך בארואיגט האט מען אים צוריק געברענגט צו די סעודה.

## ניסים וואס דער אייבערשטער טוט

נאך די אייער האט דער ראש ישיבה גזואגט אז די עסן איז זייער גוט. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינעם: קען זיין אז אנדערע עסן מאכט דיין שוויגער בעסער, אבער טשולענט מאכט קיינער נישט בעסער פון מיין ווייב.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה אריין אין א שמועס פון דאנקען דעם אייבערשטן און גזואגט: "אזעלכע ניסים האט דער אייבערשטער געטון מיט אונז, מען האט אונז אנגעשראקן נאך די חתונה אז מיר גייען נישט האבן קינדער, און ווען מיר האבן שוין געהאט קינדער, האט מען אנגעהויבן רעדן אז מיר וועלן נישט טרעפן קיין שידוכים פאר די קינדער, און זעעסט ברוך השם וואס איז אויסגעוואקסן ביז אהער. איך האב מורא געהאט אז מיר וועלן נישט האבן קיין קינדער, און ברוך השם עפעס א משפחה איז שוין געווארן. ווער איז דען רייכער פון מיר? מען שאצט מיר אויף פיר אייניקלעך - ווער איז רייכער פון מיר? קען זיין אז דו ביזט רייכער פון מיר ווייל דו האסט א ראש ישיבה, איך האב נישט קיין ראש ישיבה".

## מען ענדיגט יעצט האלב ש"ס

שפעטער האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "וואו נאך אין די וועלט הערט מען אזעלכע דיבורים! ס'איז דא נאך א רבי וואס זאגט אזעלכע תורות? וואו קענסטו הערן אזא סיפורי מעשיות וואס מען האט היינט פארגעלערנט". האט דער ראש ישיבה'ס ווייב געפרעגט וואס מען האט גערעדט ביי סיפורי מעשיות, האט דער ראש ישיבה גזואגט: "איך האב זיך געבעטן ביי די אינגעלייט, איך האב גזואגט אז איך מאך א קאמפיין, מען ענדיגט יעצט די וואך מסכת גיטין, מען הייבט אן מסכת קידושין מען ענדיגט יעצט האלב ש"ס, איך בעט אייך יעדער זאל נעמען א פעידזש, כאטשיג א בלאט גמרא א טאג, די צייט גייט אדורך, די יארן לויפן. מיר זענען יעצט געווען ביים שבת התוועדות - סיום הש"ס, און יעצט איז שוין מען אדורך האלב ש"ס. מען האט שוין באשטעלט א האטעל פאר תשפ"ז פאר די קומענדיגן שבת התוועדות וואס מען גייט ענדיגן ש"ס".

דער ראש ישיבה האט גזואגט: מען דארף נישט באשטעלן א פענסי האטעל וואס קאסט דאפלט די געלט, מען קען נעמען א האטעל נאנט, למשל ראלי האטעל וואס די טייערסטע צימער איז סך הכל פונעף הונדערט פופציג דאלער, מענטשן דארפן נישט צאלן אזוי פיל, עס איז דא אין געגנט. האט איינער זיך אנגערופן אז מענטשן וועלן נישט וועלן קומען, ווייל מען דארף עפעס טייערער און שענער.

האט איינער ביי די סעודה זיך אנגערופן אז מענטשן קומען נישט פאר די עסן מען קומט נישט פאר די טייערקייט, מען קומט בעיקר פאר די דרשות, מען קומט צו זיין א שבת מיט דער ראש ישיבה, צו זיין מיט אנשי שלומינו.

האט דער ראש ישיבה גזואגט אז די זעלבע זאך איז געווען מיט די הכרת הטוב אווענט וואס איז פארגעקומען ביים סוף פון די קאמפיין, קיינער האט עס נישט געדארפט, מען וואלט געקענט מאכן די זעלבע זאך אינעם חדר בנין, ס'וואלט געווען ביליגער און יעדער וואלט געווען צופרידן.

האט זיך איינער אנגערופן אז מענטשן וואס האבן נישט געמאכט די גאול, וועלן זיך נישט שפירן אזוי שלעכט אז זיי קענען נישט גיין צו די ראלי האטעל, ווייל ס'איז נישט עפעס א מורא'דיגע שיינע האטעל, אבער אויב ס'איז ביי א פענסי פלאץ וועט מען שפירן אז מען פארפאסט עפעס, אבער דא אין די ראלי האטעל וועט עס נישט באדערן.

האט אים דער ראש ישיבה גזואגט, אקעי, דו ביזט פון די צען פראצענט מענטשן וואס דארפן א פענסי האטעל, אבער רוב עולם דארף דאס נישט, מען וויל העלפן דעם ראש ישיבה נישט קיין חילוק צו וועלכע האטעל אדער שיינע אווענט מען גייט האבן.

נאך די סעודה האט איך געפרעגט דער ראש ישיבה צו דאס זאל מען אויך

אראפשרייבן, האט דער ראש ישיבה געזאגט: "וואס איך רעד איז פאר יעדן איינעם".

## מען דארף נישט קיין חידושים

נאכדעם האט דער ראש ישיבה'ס אייניקל נחמן נתן געפרעגט אויב מען קען שוין אריינברענגען די פאקסיס, האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יא. מען האט אריינגעברענגט די פאקסיס און דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן און פרייליך מאכן די קינדער, געלייגט צוויי פאקסיס אונטער די גלעזער און געמאכט שיף די גלעזער, אזוי אויך געלייגט פאקסיס זאל זיך ארויסשטעקן פון טאש.

דער ראש ישיבה האט זיך אויפגעשטעלט טאנצן און זינגען דעם ניגון "אמאל בין איך געגאנגען אין די לעבטיגע גאסן, האב איך געטראפן א איד, האב איך אים געגעבן שלום עליכם האב איך געזאגט ס'איז גוט". דער ראש ישיבה האט געמאכט אזא לעבטיגע פנים און געגעבן שלום עליכם פאר די קינדער. נאכדעם האט מען געזונגען "אמאל בין איך געגאנגען אין די טונקעלע גאסן, האב איך געטראפן א גוי, האב איך אים געגעבן א פאטש אין פנים האט ער געשריבן אוי". און דער ראש ישיבה האט געזאגט אזוי הויך מיט אזא שרעקעדיגע תנועה "גוי אוי אוי".

נאכדעם האט מען געזונגען 'דרור יקרא לבן עם בת' און די קינדער האב געענטפערט 'בת בת בת' און אזוי ווייטער.

נאכדעם האט מען אויסגעטיילט די פאקסיס, און מענדל האט געפרעגט יעדן איינעם "וואס האסטו ליב" האט איינער געענטפערט ער האט ליב די רויטע פאקסי, האט מענדל אים געזאגט "ליב, ליב האט מען דעם אייבערשטן". מען דארף זאגן "איך גלייך א רויטע פאקסי".

ס'איז מיר געווען אינטערעסאנט צו זען אז מען דארף נישט קיין פרישע חידושים ביי די סעודה, מען קען מאכן די זעלבע דשאוק'ס, זינגען די זעלבע ניגונים, די זעלבע מעשיות, און יעדן מאל איז עס אינטערעסאנט. אזוי אויך קען מען זאגן יעדע מאל אז די עסן איז גוט, און אויך דאס וואס דער ראש ישיבה זאגט יעדע מאל אז ווען מען שמעקט הדסים איז מען זוכה צו ערליכע קינדער, יעדע מאל איז עס אינטערעסאנט צו הערן נאכאמאל.

אויך ביי קידוש ווייזט דער ראש ישיבה יעדע מאל מיט א פרישקייט אז מען גיסט אריין דריי טראפנ'ס אין די ווין, און נאכדעם גיסט מען פיר מאל אריין אין די בעכער, עס ווערט נישט אויסגעוועפט דאס צו הערן נאכאמאל.

## צדקה תציל ממות

דער ראש ישיבה האט דערציילט א מעשה פון די גמרא (ירושלמי תרומות פרק ח הלכה ג) רבי ינאי האט זייער מורא געהאט פון שלענג, האט ער געבעטן זיין ווייב, זי זאל אריינלייגן די פיסלעך פון די בעט אין וואסער, אזוי קענען נישט די שלענג ארויפקריכן. למעשה האט ער זיך אויפגעוועקט אינמיטן נאכט און ער זעט א שלאנג אין זיין האנט, (דער ראש ישיבה האט עס געמאכט אינטערעסאנט, אז ער האט געשריגן "אוי ראטעוועט ראטעוועט"). האט רבי ינאי געזען אז מען דארף נאר זיך פארלאזן אויפן אייבערשטן - שומר פתאים ד'. וואס מען דארף קען מען נאר בעטן פונעם אייבערשטן, אז דו האסט מורא בעט דעם אייבערשטן, נאר ער קען דיר העלפן.

אויך האט דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה (שבת, קנו:) פון רבי עקיבא וואס האט חתונה געמאכט זיין טאכטער, און שטערן זעהער'ס האבן אים געזאגט אז זי גייט נפטר ווערן. ער איז געווען זייער דערשראקן, אבער אז דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל וועט ער עס מקבל זיין באהבה. אינדערפרי קלאפט ער אריין אין איר צימער, ער איז געווען זיכער אז זי לעבט שוין נישט, ער קומט אריין און ער הערט אז זי איז דא זי לעבט געהעריג. ער האט נישט געוויסט וועלכע זכות זיי האבן געהאט אז זי איז געבליבן לעבן. שפעטער איז זי געגאנגען נעמען די טיכל וואס איז געווען אריינגעשטעקט אין וואנט מיט א נאדל, זי האט עס ארויסגענומען און זי

# סעודה מיטן ראש ישיבה

האט גענומען שרייען "א שלאנג", א גיפטיגע שלאנג איז דארט געווען אריינגעשטעקט און ס'איז געווען טויט. האט ער איר געפרעגט וואספארא גוטע זאך האסטו געטון אז ס'האט דיר געראטעוועט די לעבן? האט זי געזאגט אז ביי די חתונה איז געווען זייער א הונגעריגער מענטש האב איך אים אוועקגעגעבן מיין פארציע. פון דעם לערנט מען זיך ארויס אז צדקה תציל ממות.

ממש אזא מעשה איז געווען אין ירושלים היינטיגע צייטן נישט לאנג צוריק. ס'איז דא א פרוי אין ירושלים וואס טוט אסאך חסד מיט אנדערע מענטשן. איין טאג האט זי זיך אראפגעלייגט שלאפן און געבעטן מען זאל איר נישט שטערן. פונקט דעמאלט איז געקומען א צובראכענע פרוי קלאפן אויפן טיר, און די קינדער האבן געזאגט אז די מאמע האט זיך יעצט אראפ געלייגט, איז די פרוי אוועקגעגאנגען. למעשה האט די מאמע געהערט אז עפעס טוט זיך אינדרויסן איז זי ארויסגעקומען און געפרעגט וואס גייט פאר, האט מען איר געזאגט אז איינער איז געקומען בעטן צדקה. האט די מאמע געזאגט אז מען שיקט נישט אוועק א אנדערע איד וואס קומט בעטן הילף. איז מען איר נאכגעלאפן און צוריק גערופן און איר געגעבן צו עסן און דערנאך געגעבן געלט. נאכדעם איז די מאמע צוריק צו איר צימער און זי האט געזען א גיפטיגע שלאנג אויף איר בעט. זעט מען פון דעם אז ווען מען טוט חסד ווערט מען אליין געראטעוועט.

**ביז דא איז חלק א', מיר האפן צו ממשיך זיין קומענדיגע וואך מיטן אייבערשטנ'ס הילף.**



# מעשיות פון תפילה

ג. פ.
אפלדארפער
קרית ברסלב

מיין טעלעפאון האט אויפגעהערט ארבעטן, איך האב פרובירט אלע וועגן עס זאל צוריק אנהייבן ארבעטן, אבער עס האט נישט געארבעט. האב איך געטראכט אז איך דארף עס שוין לייגן אין מיסט און קויפן א נייע.

די לעצטע מינוט האב איך געגעבן א זאג ארויס "הייליגער באשעפער העלף עס זאל אנהייבן ארבעטן", און פאר א וויץ האב איך צוגעלייגט אז אויב עס גייט ארבעטן גיי איך עס אריינשיקן צום בלעטל.

ווי וואונדערליך עס הערט זיך האט עס א מינוט נאכדעם אנגעהויבן ארבעטן ווי געהעריג.

און אז איך האב שוין ארויסגעזאגט אז איך גיי עס אריינלייגן אינעם בלעטל דארף איך דאס שוין מקיים זיין.

ג. ש.
וועבערמאן
קרית ברסלב

שכח אייבערשטער מיין טאכטער איז א כלה. איך האב געדארפט אנקומען צו וויליאמסבורג צום גמ"ח פון די כלה קליידער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א וועג און איך זאל טרעפן גרינג און שנעל א גוטע קלייד.

שכח אייבערשטער אז נאך א כלה האט געוואלט אריינפארן צו די גמ"ח, אזוי האב איך שוין געהאט א וועג אריין. אזוי אויך האט דער אייבערשטער געהאלפן אז אין צוואנציג מינוט האב איך געטראפן א גוטע קלייד וואס מען דארף גארנישט צופיקסן.

די פארקויפערין האט געזאגט אז עס מוז זיין איך האב געבעטן דעם אייבערשטן פאר דעם, ווייל עס איז ממש א זעלטענהייט מען זאל טרעפן אזוי שנעל.

ג. רובינשטיין
קרית יואל

1. איינע פון מיינע קינדער פלעגן מאכן אזא סארט אינטערעסאנטע תנועה וואס האט זייער נערוועז געמאכט, אבער פארן קינד האב איך גארנישט געקענט זאגן.

די איינציגסטע זאך וואס איך האב געקענט טון איז געווען בעטן דעם אייבערשטן, און דאס האב איך טאקע געטון, יעדע מאל וואס דאס קינד האט געמאכט די סארט פַּאקס האב איך געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגע באשעפער העלף אז מיין קינד זאל נישט מאכן די סארט פַּאקס מיטן פנים, עס מאכט מיר זייער נערוועז".

שכח אייבערשטער אז דאס קינד האט עס געסטאפט צו מאכן.

2. איך האב געהאט די זכי' צו אנגרייט א מיטאג פאר מיין מאמע, און בשעת'ן צוגרייטן האב איך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל האבן אלע גוטע טעמים א טעם גן עדן.

און ווי אינטערעסאנט עס הערט זיך אז בשעת זי האט געגעסן די עסן האט זי זיך געגעבן א רוף אן "די עסן האט ממש א טעם גן עדן".





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

## חידות
### אפטיילונג

**דער הייליגער רבי האט געזאגט: צווישן מיר און משיח איז נישט דא קיין חילוק, חוץ איין חילוק**

א. משיח וועט אונז אויך אויסלייזן
ב. משיח וועט קומען אין א שפעטער דור
ג. משיח וועט קענען יעדן איינעם העלפן
ד. יעצט איז דא בחירה, ביי משיח וועט נישט זיין

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

מוהרא"ש זאגט: ווער עס וועט בענטשן אין א בענטשער
**וועט זיין זייער רייך!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**סימא קאהן תחי - לעיקוואוד**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

קרית
# ברסלב
בלעטל

# קינדער אפטיילונג
פרשת וירא

## טרעף
### די ווערטער

**גרייט זיך אן יעדע נאכט נעגל וואסער נעבן די בעט, אזוי אז אינדערפרי' זאלסטו זיך קענען אפגיסן ביים בעט. מוהרא"ש ברענגט א קבלה פון הייליגן רבי'ן רבי זושא זכותו יגן עלינו וואס האט מקבל געווען פון זיין הייליגער רבי דער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו, וואס האט מקבל געווען פון הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו - נישט אראפטרעטן פון בעט איידער זיך אפגיסן נעגל וואסער.**

(עצת אמונה פרשת בראשית תשפ"ד)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| כ | ס | י | ל | ז | א | ל | ס | ט | ו | ע | ו | ע | ט | ר |
| ק | ב | ג | ש | ר | ו | ה | ת | ה | א | ה | ו | ח | ו | ב |
| ר | ע | ע | מ | ע | ז | ר | י | ט | ש | י | א | ז | ו | י |
| נ | ע | ל | י | נ | ו | ח | ג | י | ע | י | ס | ט | א | ג |
| נ | ד | ה | ו | י | ש | פ | ר | ל | ל | ל | ב | ה | ס | נ |
| מ | ט | ק | צ | ש | א | א | י | י | ל | י | י | ע | ד | ע |
| א | י | ע | ת | ט | ב | נ | י | ב | א | ג | ג | ט | ל | ג |
| פ | ר | נ | ר | ק | ו | ע | ט | מ | ט | נ | ת | ע | פ | ל |
| ג | פ | ע | כ | ט | כ | ו | ט | ב | ז | י | כ | ו | ר | ו |
| י | ר | נ | ת | י | פ | ו | נ | נ | ע | ב | נ | כ | נ | א |
| ס | ע | ג | ז | ט | כ | א | נ | ה | א | ט | ש | י | י | ב |
| נ | ד | י | פ | ט | ד | ס | ר | ע | ק | ע | ל | נ | ס | ז |
| ז | נ | ל | כ | ת | ג | ע | נ | א | ו | ע | ע | פ | ו | נ |
| מ | י | י | י | ג | נ | ר | ר | ז | כ | ו | ת | ו | פ | ב |
| ו | א | י | ב | ר | ע | נ | ג | ט | ו | ב | ע | ט | ע | נ |
| ה | מ | ה | ב | י | י | מ | מ | ע | ש | ש | ח | ג | ו | י |
| ר | ב | ק | נ | ל | ז | ז | ג | נ | ס | י | ג | פ | א | ב |
| א | ז | ס | ב | ט | נ | ש | י | ז | כ | ו | ת | ו | ג | ר |
| ש | פ | ו | נ | ל | ד | י | ד | י | מ | ק | ב | ל | ה | ז |
| י | א | י | י | ד | ע | ר | ח | ע | נ | ע | צ | ט | ר | ר |

## טרעף די וועג

### טרעף די וועג אנצוטון די הייליגע ציצית





## שטיקעלע ספר המדות

# פַּחַד

יא. מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה.

וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק זָאל זִינְגֶען פְּרֵיילִיכֶע לִידֶער.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## שיחות פון רבי'ן פארהער

### וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנען דיך די בילדער??




### ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי' האט אמאל געזאגט: "וואס האט א איד צו זארגן אז ער גייט אוועק פון די וועלט מיט בארד און פיאות?!"

# טרעף די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





גיי אין גראסערי העלף דיין מאמע איינקויפן!
לכבוד שבת קודש!

# עצתו אמונה
בחינה

## עצתו אמונה פרשת לך לך תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

1. גיי דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין וועסטו האבן _____
4. אינמיטן די יאגעניש און פלאגעניש כאפט מען ארויס גוטע _____
9. הונדערט טויזנט מאל _____ אז מיר האבן אזא רבי
10. שטעל זיך אפ פאר איין רגע און טראכט 'עס איז דא א _____ באשעפער אויף די וועלט!'
11. אויסהערן מענטשן און זיי _____ זיין איז זייער א גרויסע מצוה
13. אנשי שלומינו געבן _____ נאכאמאל און נאכאמאל

### פון אויבן אראפ

2. לערן יעדן טאג אין שטוב א בלאט גמרא, דאס וועט _____ מאכן דיין שטוב
3. מיט _____ ווערט בטל אלע שלעכטע זאכן
5. ווער ס'האט זוכה געווען צו זיין ראש השנה אין אומאן דארף זיין פרייליך א גאנץ ____
6. יעדן טאג זאלט איר _____ דעם אייבערשטן פאר אלע גוטע זאכן
7. בעט דעם אייבערשטן זאלסט פטור ווערן פון די מדה פון עצלות - ______
8. ווילסט שפירן ____ ____ ____ ? גיי פארטאגס שפאצירן מיט אייבערשטן
12. נאר דורך תורה קען מען אויסלעשן די שרעקליכע פייער פונעם _____ _____



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצתו אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצתו אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער טאלאנטן





אליעזר שלמה שטיינבערג נ״י
פסחים פרק א׳, שיטת בית שמאי און בית הלל



מאטי פאפנהיים נ״י
ירושלים עיר הקודש



יעקב יודא ראטה נ״י - תיבת נח - וויליאמסבורג



משפחת פעקעטע - תיבת נח - מאנסי




פייגי לאנדא תחי׳ - קרית ברסלב




משפחת ברילל - קרית ברסלב

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

מירי פעלבערבוים תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:




פייגי שטראסער תחי׳ - קרית ברסלב פארציילט:



# קלאסיפיידס

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*







א שיינע גרויסע פיר בעדרום אפארטמענט אין שטעטל מיט א גרויסע קאך און דיינונג רום, אוועי־ליבעל צו דינגען פאר שבתים, וואך אדער חודש.

רופט - 917-541-1197

א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.
אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449



## Garden House Suites

5 one bedroom suites available for weekends etc.

Call
646-565-0966



# בילדער
## אפטיילונג









נייע סיין ווערט אויפגעהאנגען ביים בית המדרש היכל הקודש אין סטעטן איילענד

קרעדיט: יואל הכהן



קרעדיט: יואל הכהן



נייע פורניטשער ווערט אויפגעשטעלט אינעם קימפעטארן נהיים אין שטעטל

קרעדיט: שמעון עוזר פערל



פרישע פאפיר אנגעקומען ביים בית הדפוס אין ירושלים

קרעדיט: שלום אינדיג



מען דרוקט גליונות אין מאנטריאל קאנאדא



קרעדיט: יואל הכהן



קרעדיט: יואל הכהן

נייע ישיבה קטנה בנין אין שטעטל



קרעדיט: שמעון פארטיגאל



קרעדיט: שמעון פארטיגאל

כולל מסיבה אינעם נייעם געגענט אין שטעטל ביים
שטוב פון מו"ה יקותיאל פעלדמאן הי"ו - ד' לך לך



קרעדיט: יוסי פרעריא



קרעדיט: יוסי פרעריא

לחיים פון החתן חיים מאיר ערפס הי"ו - ד' לך לך



קרעדיט: שלמה גוטווין

אין א שמועס מיט אנשי שלומינו נאכן ליל ששי שיעור
פרשת לך לך



קרעדיט: אברהם אייזנער

אבות ובנים אין ירושלים שול אין שטעטל










**אבות ובנים אין בית המדרש אשר בנחל אין שטעטל**
**פרשת נח און לך לך תשפ"ד**

















**אבות ובנים אין בית המדרש היכל הקודש וויליאמסבורג**
**פרשת לך לך תשפ"ד**










**אבות ובנים אין בית המדרש מקור השמחה אין שטעטל**
**פרשת לך לך תשפ"ד**



קרעדיט: שמעון פארטיגאל



קרעדיט: שמעון פארטיגאל

פרייליכע חתונה אין ישיבה פון החתן בנציון נ"י בן מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו עב"ג מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו - זונטאג וירא תשפ"ד



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: אייזיק ראטה



קרעדיט: שלמה האממער

תלמידי הישיבה לערנען זייערע שיעורים אויפן וועג צום ציון פונעם צדיק אין באפעלוי - א' וירא




נייע הפצה קארטל אין ארץ ישראל ספעציעל פאר די מצב המלחמה אין די טעג